דוד בערגעלסאָן

# אַרום וואָקזאַל

דוד בערגעלסאן.

# ארום וואקזאל

(ערצעהלונג)

דריטע אויפלאגע.

ווילנער פערלאג פון ב. א. קלעצקין.

דאָס רעכט אויף איבערדרוקען און איבער-
זעצען בעהאלט דער מחבר פֿאַר זיך.
(לויט דעם אַרטיקעל 33 פֿון דעם געזעץ
פֿון 20-טען מערץ 1911 יאָהר).

דרוקעריי ב. א. קלעצקין, ווילנא
קליין-סטעפּען-גאַס איי.ענע הויז

# אַרום וואָקזאַל.

אין פערשידענע אָרימע שטעדטליך הויבען זיך אָן ציהען שמאָלע וועגען און שניידען דורך פערשלאָפענע דערפער. אויף שטילע גרינע בערג דראַפּען זיך די וועגען, צום גרונד פון טיפע טאָלען נידערען זיי אַראָב און וויט, וויט, ביי דער הויך פון אַ קליינעם באַרג, קומען זיך די וועגען צענויף און בוקען זיך פון דאָרט צום שטיינערנעם און רויטען וואָקזאַל.

אַ הויכער איז ער דער וואָקזאַל, אַ רויטער און אַ צוויגאָרענדיגער. און שטעהן שטעהט ער דאָ שוין פון יאָהרען אַ פערגליווערטער און טויטער און ווייזט דער געגענד אוים, ווי אַ פערכישופטער היטער, וועלכען ס'האָט אַמאָל עמיץ אויף אַ שפּיצעל פערשלעפּערט מיט אַ אייביגען מעלאַנכאָלישען דרימעל. יענער אומבעקאַנטער און שווייגענדיג־בייזער, וואָס האָט אַמאָל אויף איהם דעם שלאָף אָנגעוואָרפען איז שוין לאַנג אַ שובן־עפר, די ביינער זיינע זענען שוין אין דער פייכטער ערד דונקעל געוואָרען, און דער וואָקזאַל קאָן זיך נאָך אַלץ פונ'ם דרימעל ניט בעפרייען. דרימלענדיג היט ער אָב די וועגען, וואָס בוקען זיך צו איהם, די נאָהענטע און ווייטע בערגליך און טאָלען מיט יענעם שענעם און צעוואָרפענעם דאָרף, וואָס ליעגט אין דער טיעף פון אַ לאַנגען טאָל, דראַפּעט זיך שוין פון יאָהרענלאַנג אויף די שפּועים פון די צוויי שכנ'ישע בערג און קאָן זיך נאָך אַלץ ביז זייערע שפּיצען נישט אַרויפדראַפּען.

דערפאַר וואָס דאָס דאָרף מיט'ן געגענד האָבען געשוויגען, האָט אויך געשוויגען דער אַלטער פערגליווערטער וואָקזאַל און מיט אַ בעהאַלטענער בענקשאַפט אַריינגעקוקט אין דער טיפעניש פון דער בלויער און אונבעקאַנטער ווייטקייט, גלייך ווי די ווייטקייט, וואָלט דאָ אינגאַנצען דער עיקר געווען און נאָר פון איהר האָט אין איינעם אַ טאָג געדאַרפט אַ שטאַרקער און שטאָלצער העלפער זיך מיט גערויש אַרומטראָגען אין אַלע

שלאָפּענדיגע ווינקעלעך און מיט זיין קראַפט און מאַכט צום לעבען אומקעהרען אַלעס, וואָס איז דאָ שוין פון יאָהרען פערשטיינערט און פערשמאַכט. נאָר די וויטקייט איז תמיד רוהיג געווען, תמיד מרה־שחורה'דיג און תמיד שטיל, און נמאס איז איהר שוין געווען צו קוקען אויף דער שלעפריגער געגענד, און אַליין איז זי שוין אויך שלעפריג געווען. דערפאַר האָט זי אָפט אַ נודנעם געניץ געטהון, געעפענט פאַמעליך איהר גרויס, אַלט און ליידיג מויל און מיט גרויס פוילקייט אויסגעשפּיגען אַ לאַנגען און לויפענדיגען פּאַסאַזשיר־צוג. פון ווייט איז דער צוג געלאָפען און געטראָגען האָט ער מיט זיך אַ גוטע און אַ פרייליכע בשורה פאַר'ן וואָקזאַל און פאַר דער געגענד, און געאיילט האָט ער זיך די בשורה צו ברייננגען, אָבער נאָך אינ'ם ערשטען טרויעריגען אָבהילכען פון זיין לאַנגען און פרייליכען פייף האָט ער זיך שוין איבערציינגט, אַז די מרה־שחורה איז דאָ זעהר טיעף און אייביג. ער איז שוין צום וואָקזאַל צוגעקראָכען פאַמעליך מיט אַ געפאַלענעם געמיט און דאָרט שטעהן געבליעבען מיט אַ שווערען און לאַנגען זיפץ פון דעם בעפרייטען און הייסען טאָרמאַז־דאַמפף.

— אַמזיסט... אומזיסט... און פערפאַלען... אַלעס פערפאַלען — האָט זיך אַ טויבער קלאַנג צוזאַמען מיט'ן זיפץ אַרומגעטראָגען.

און ביי די רייזענדע, וואָס אין צוג, האָט זיך דערפאַר מאָדנע פערקוועטשט דאָס האַרץ, און אַ בלאַז האָט אויף זיי געטהון מיט טרויער. זיי האָבען באַלד אַרויסגעשטעקט זייערע אומבעקאַנטע פנימ'ר און שווייגענדיג בעטראַכט דעם אַלטען און שלעפריגען וואָקזאַל. אַזוי פוסט, מרה־שחורה'דיג און נודנע איז דאָ געווען; ס'האָט זיך קיינעם נישט געוואָלט ריידען און פונ'ם אָרט זיך אַ ריהר טהון. און די מענשען האָבען געשוויגען, געשטאַנען אָהן אַ שום בעוועגונג און שוין אויסגעזעהען אַזוי מעלאַנכאָליש און שלעפריג, ווי זעלבסט דער אַלטער פערשטיינערטער וואָקזאַל. עטליכע אומעטיגע טרוימער זענען דאָ פאַמעליך אַרומגעגאַנגען און שווייגענדיג געקוקט אויף די פערחלומ'טע רייזענדער. זיי האָבען ניט געוואוסט, פון וואַנען און וואוהין די רייזענדער פאָהרען, מיט וואָס זיי פערנעמען זיך

און וועגען וואס זיי קלערען . דערפאר האבען זיי געהאט דרך־ארץ, געשוויגען און געוואלט אויסזעהען פיינער און לייטישער , ווי זיי זענען . און נמאס איז די וואקזאל־דינער נישט געוועזען צו ציהען זיך מיט זייער גאנצער הויך , נמאס איז דעם טרעגער , וואס איז ביים גלאק געשטאנען , נישט געווארען צו ארויסשטעקען זיין שטאלצע ברוסט פאראויס , נמאס איז אויך קיינמאל ניט געווארען די יונגע קאמיסיאנערען צו שטעהן מיט ערנסטע פנים'ער אן א זייט און חאפען אלע מאל א קוק אויף א שענער דורכפאהרענדער נקבה . ערגעץ וואו אויפ'ן וואקזאל־פלאץ זענען פערקלערטע סוחרים געשטאנען . זיי האבען געקוקט אויפ'ן צוג , געביסען די בערד און געטראכט וועגען זייערע מסחרים ; ערגיץ וואו איז א שווארצער , נידעריגער און איבערגעשראקענער מעקלער געשטאנען . ער האט אויך געשוויגען , אויך געקוקט אויף דעם צוג און פערטיעפט געוועזען אין איבערגעשראקענע , נישט קיין זיכערע געדאנקען פון א יורד . וועגען צוג האט ער געקלערט , וועגען די אונבעקאנטע און שווייגענדיגע רייזענדער און וועגען דעם , וואס ער האט אויך א מאל געלד געהאט און געדענקט שוין איצט ניט , ווי ארום ער האט עס בעקומען און ווי ארום פערלוירען .

נאר איין גראהער אויסגעדיענטער און בלינדער אויף איין אויג משולח איז איינזאם געזעסען אויף א באנק , געקלאפט מיט זיין אלטען שטעקען אינ'ם הארטען שטיינערנעם וואקזאל־פלאץ און געמודעט . אפשר איז ער דא דער איינציגער געוועזען , וועמען ס'האט זיך די ארומיגע פוסטקייט צוגעגעסען און וועלכער האט געוואלט עמיצען דערצעהלען וועגען זיין ארעמקייט , וועגען זיין תמיד־אפענעם און בלינדעם אויג , וועגען זיינע קינדער , וואס זענען אין אמעריקא , און וועגען זיין ווייב , וועלכע איז שוין צעהנדליגער יאהרען טויט . נאר קיינער איז צו איהם נישט צו געגאנגען און קיינער האט אויף איהם נישט געקוקט . ער האט דערפאר קינדערשען שכל בעקומען און זיך געשפילט מיט די טויטע קלעפ פון זיין שטעקען . און אז די שפיל איז איהם נמאס געווארען , האט ער מיט זיין איינציגעם אפענעם אויג געקוקט און געזעהען , ווי פיניע ליסאק געהט צו א פרעמדען סוחר צו , פערקרימט זיך , ווי אויף א נדבה בעטען און איז איהם אויף שטום־לשון מודיע :

כ'בין פיניע ליסאַק, כ'האָב שוין אַמאָל געלד געהאַט און איצט אַ מעקלער געוואָרען... אפשר וועט איהר עפּעס קויפען?

נאָר דער פרעמדער סוחר קוקט אויף איהם נישט, און פיניע גלייכט זיין פּנים נישט אויס. ווען דער צוג געהט אָב, דערזעהען די סוחרים אַז ליסאַק'ס פּנים איז נאָך פערקרימט. זיי ווינקען צו איהם פון וויטען און שמייכלען.

— ווי איהר זעהט מיך אַ יודען — שווערט זיך לוי פיווניאַק — אַ הויכער איינגעהויקערטער מעקלער מיט גרויסע, אַרויסגעקראָכענע און ווערטעלדיגע אויגען — ער האָט שוין אַ פּנים פון אַ קבצן.

אַרום איהם שטעהען קאָמיסיאָנערען, סוחרים און מעקלערס. און, בעווייזענדיג דער גאַלע, דער פערדיכערטע ציהן, לאַכען זיי אויף אַ קול. דער געלעכטער קלינגט שטיל אָב אויף דעם ליידיגען וואָקזאַל-פּלאַץ און ערוועקט אין יעדען פון זיי אַ פּחד פאַר זיין אייגענער צוקונפט. ס'לאַכט נישט נאָר איין פיווניאַק. אַנ'איינגעהויקערטער און ברייטביינערדיגער שטעהט ער רוהיג אין מיטען בינטעל, די הענד פערלעגט אין די אַרבעל און דעם קאָפּ עטוואָס אָן אַ זייט.

פאַמעליך געהט צו צום בינטעל אַברהמ'ציק קויפמאַן — אַ דיקער סוחרישער בחור מיט ברייטע נגידישע פּלייצעס. זיינע הענד זענען פערלעגט הינטער די פּאָלעס פון זיין נייעם רעקעל, דער קאָפּ אַרויסגערוקט פאָראויס און אויף זיין דיקען פּנים ליגט אַ שטענדיגער שמייכעל. אַ רוהיגער איז דער שמייכעל, אַ פוילער און אַ זיכערער, ער וואַרפט זיך יעדען אין די אויגען און גיט צו וויסען:

— חאַפּט זיך נישט און קלערט נישט, אַז איהר וועט מיך אָבנאַרען.

די וואָקזאַל-לייט ווייסען, אַז קויפמאַנ'ס אַנצוג איז אַ טייערער; אַז זיין פאָטער איז אַ קמצן און דער נגיד פון דעם נאָהענטען שטעדטעל; אַז ער אַליין איז אַ בחור — אַ סוחר און פערמאָגט שוין היבש געלד. דערפאַר פיהלט זיך נעבען זיי אַברהמ'ציק היימיש און פריי און שמייכעלט צו, בשעת זיי קלאַפּען איהם פריינדליך אין זיינע נגידי'שע פּלייצעס. שמייכענדיג

בעטראכט ער ליסאק'ן פון דער זייט, הערט אוים די ווערטלעך און זאגט פאמעליך און רוהיג:

— ער האט נאך א טחוירענעם טולופ. ווען ער וויל וואלט איך איהם פאר'ן הונדערט קלינגעדיגע „גע'סלק'ט", וואלט ער ווידער א נגיד געווארען. חברה לאבען און ביי פיוניאק'ן טהוען א ציטער די ווערטעלדיגע אויגען און ווערען מיט א מאל ערנסט.

— וואס, וואונדערט ער זיך, ווילסט דעם טולופ? אט מעקלער איך איהם אוים.

ער לאזט זיך אויף צו כלומר'שט לויפען צו ליסאק'ן.

---

פערהאן נאך א צווייטע זייט וואקזאל, וואו קיין סוחרים דרעהען זיך נישט ארום. זיצענדיג אויף די זיינגעשפאנטע בריצקעס, דרימלען דארט אונטערגעגארטעלטע „שמייסער'ס" און מיט אונמענשליכען גערולד ווארטען זיי אויף זייערע אנקומענדע בעלי־בתים. אז א בעל־הבית קומט אן, קריכט ער באלד אויף זיין בריצקע ארויף און טהוט דעם שמייסער א שרעפ פאר'ן ארבעל. דער „שמייסער" חאפט זיך אויף און טוט א טרייב די פערד. די בריצקע הויבט זיך אן צו וויגען און דער בעל־הבית ווערט גיך אנדרימעלט. נאר די פערד לויפען שוין צווישען גרינע פעלדער, אנגעווארפענע בערג, און קליינע פערוואקסענע טאלען. אויף די פערדישע העלזער קלינגען איינטאניג די גלעקער, און אז דער בעל־הבית חאפט זיך אויף, הערט ער שלעפריג אוים, ווי די גלעקער דערצעהלען דער פעלד־שטילקייט אלעם, וואס ער האט פאר דער צייט פון זיין נסיעה געזעהן. ער פערגעסט, אז ער פאהרט אהיים און ווערט ווידער אנטשלאפען. ערגעץ וויים, אין א שטעדטיל וואס אין א טאל, קוקט אויף איהם ארוים א שטוב מיט איהרע פענסטער, חדרים און מענשען. און א קליין קינד זיינם לויפט דארט בארפים ארום און בערימהמט זיך, אז ער וועט באלד א מתנה בעקומען.

און ער וויעגט זיך נאך אלץ אויף דער לויפענדער בריצקע, וויעגט זיך און דרימעלט.

---

# I.

א וואַרימער פּריהלינג האָט איינמאָל אַ שמייכעל געטהון צום וואָקזאַל מיט זיינע פערשלאָפענע סוחרים און אויף זיין פריהלינג־לשון געפרעגט:

— בעוויזען אַ קונץ?

דער וואָקזאַל האָט זיך ניט הערענדיג געמאַכט און ווידער געדרעמעלט, און די סוחרים האָבען אין דעם שמייכעל געזעהען אַ סימן אויף אַ זאַט יאָהר און מורא געהאַט צו האַנדלען.

אָרום זיי האָבען אונטער פערחלום'טע הימלען געדרימעלט גרינע בעאַרבייטע פעלדער. אויף די פעלדער זענען נאָהענטע און ווייטע בערגליך געלעגען און געהערט, ווי שטילע ווינטען סוד'ען זיך מיט זייער גראָז.

וועגען דעם, וואָס אַלעם ווערט בזול זיין האָבען זיך די ווינטען מיט'ן גראָז געסוד'ט.

ערגיץ אין אַ גרינעם טאָל, וואָס הינטער אַ שטיל דאָרף, האָבען זיך צוויי פאָהרענדע סוחרים בעגעגענט, זיך אָבגעשטעלט און זיך פונאַנדער געשמועס'ט אויף'ן קול:

— פון וואַנען פאָהרט מען? פון דער קאַצעבעיפּקער פערמע?

— און איהר? פון די שלאַהעטקעס, מן הסתם?

— פון וואַנען דען? אַ טאַפּ געטהון דעם וואָגען.

— נו?

— וואָס נו?... דער גוי בעט זיך.

— פיעל וואַגאָנעס ווערט ער האָבען?

— קיין מעשה ניט.

— דהיינו?

— וואָס האָסטו וואָס צו קלערען, קוק...

און ביידע סוחרים האָבען זיך פערקוקט אויף די גרינע פעלדער, וואָס אין די זייטען פון דעם שמאָלען וועג. דאָס גראָז איז דאָרט געוועזען שטאַרק בעשעפּטיגט מיט'ן וואַקסען, זיך געבוקט מיט לאַנגזאַמע און פרומע שאָקלען און איבערגע'חזר'ט אַלץ איין טיפע און קורצע כונה:

— אַ גערעטעניש... אַ גערעטעניש.

דאָך האָט אין מיטען פריהלינג פלוצים אויפגעהערט צו רעגנען און דאס גראָז האָט אָנגעהויבען פערדאַרט ווערען.

ווען אויף דעם וואָקזאַל האָבען די סוחרים די „זאַסוחע” דערפיהלט, האָט שוין דער שטויב געוואַקסען אויף די בוימער און אויף די גרעזער, זיך מיט די ברענענדע ווינטען אומגעטראָגען אין אויר און דונקעל געמאַכט די שיין פון לאַנגע און הייסע זומער־טעג. די סוחרים זענען שוין געווען פערשטימט, אָבגעברענט און דערשראָקען בעשעפטיגט. דער שטויב איז שוין געלעגען ביי זיי אויף די פנים'ער און די בערד, און אין די רויטע ניט דערשלאָפענע אויגען, נאָר זיי האָבען נאָך אַלץ אַרומגעשנאָרעט אין דער גרויסער וואָקזאַל־סביבה און אויסגעכאַפט איינער ביי'ם צווייטען די קניות, זיך פון צייט צו צייט בעוויזען אויף דעם וואָקזאַל, זיך דאָרט געלאָרען, געזידעלט, פערקויפט און צוריק געקויפט.

גרויסשטעדטיגע סוחרים זענען יעדען טאָג מיט די צוגען אָנגעקומען און אין אַיילעניש געהאַנדעלט מיט פערשמירטע און אָבגעברענטע וואָקזאַל־לייט. שטעהענדיג אויף די טרעפליך פונ'ם אָבגעהענדיגען צוג האָט נאָך איינער צו אַ וואָקזאַל־סוחר געשריען:

— איז געענדיגט? שיקט איהר מאָרגען אַרויס.

דער וואָקזאַל־סוחר האָט געפּרובט ענטפערען אויף'ן קול, נאָר הינטער די לאַנגע אָבגעהענדיגע וואַגאָנען האָבען שוין הויך געקלאַפט די רעדער. ער האָט זיין קול ניט דערקאָנט און נאָר געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

— געענדיגט, געענדיגט.

זיין מוח האָט נאָך וועגען דער מכירה געקלערט און די פערטראַכטע אויגען האָבען געקוקט אַהין, וואו דער צוג ווערט פערשוואונדען, אַהין, וואו ווילדע ווינטען און שטויב־שטראָמען יאָגען דעם צוג נאָך און מאַכען דעם הימעל מיט דעם אויר דונקעל. ער האָט שוין געפיהלט, אַז עמיץ האָט זיך אין דער מכירה אָבגענאַרט, נאָר ער האָט ניט געוואוסט ווער: ער, צו יענער גרויסשטעדטיגער סוחר, וועלכען ס'האָט צוזאַמען מיט'ן צוג נאָר וואָס איינגעשלונגען די וואָלקענדיגע ווייטקייט.

און אַ בינטעל סוחרים זענען שוין אַרום איהם געשטאַנען און איהם בעשיט מיט שאַלות:

— וואָס, פערקויפט?

— טאַקע?

— ווי טייער?

דער סוחר האָט ניט פערשטאַנען, וואָס מען פרעגט איהם און ווי פון שלאָף געפרעגט:

— אַ?...

---

ווען די סוחרים האָבען שוין אַלעם אין געגענד אויפגערעמט און דאָס איבערגעפעקעלט אין פערשידענע ווייטע גובערניעס, איז אויפ'ן וואָקזאַל ווידער שטיל און רוהיג געוואָרען. די מעקלערס זענען ווידער אַרומגעגאַנגען פוסט און פאַס און געשמועסט פון דער אונגעוועהנליכער מהפכה:

אֶלי דערבאַרעמדיגער — אַ הויכער און דאַרער יונגערמאַן, אַ משכיל, אַ גוטער און אַ בעל־מדות מיט צוויי קולות: איינס אַ גראָבס, אַ מאַנסבילש, דאָס צווייטע אַ דינס און ווייבערש — האָט דעם זומער אַ קערבעל צעהען טויזענד בעקומען. צום וואָקזאַל איז ער געפאָהרען מיט זיינע אייגענע פערד און אייגענעם „שמייסער" און געטרונקען כהיי אין „ערשטען קלאַס".

שלום'קע פערעל — אַ יונגערמאַן אַ שווינדלער, ניט לאַנג געטראָגען געלאַטעטע הויזען און געבעטעלט אַ ציגאַר טיטון — האָט געהאַנדעלט אויפ'ן גביר'שען אופן, געקויפט און פערקויפט וואַגאָנעם־ווייז.

חיים מענדעל מאַרגוליס — אַ יוד אַ פאָסעסאָר און אַ „גרויסער פערדעבער" מיט אַ אידעלען פריצ'שען פנים און אויך אַזעלכע אידעלע פריצ'שע מאַניערען האָט פיעל געלד אָנגעזעצט, און קיינער האָט ניט געוואוסט צו איהם זעלבסט איז פון דעם אָנזעץ געלד געבליבען. צום וואָקזאַל איז ער, ווי פריהער געקומען מיט'ן נייעם פאַעטאָן און הייסע פאָר פערד, ווי פריהער זיך געפיהרט ברייט און געהאַט עסקים מיט די דורכפאָהרענדע רייכע פריצים. צו ליעב איהם איז אָפט מאָל אויפ'ן וואָקזאַל אַראָבגעקומען חנינא שפירא — אַ רייכער ברייטביינערדיגער און

הוסטענדיגער בעל־הלואה. גלעטענדיג זיין געלע און פערפלאָנטעטע באָרד, האָט זיך חנינא איינזאַם אַרומגעדרעהט אויף דעם וואָקזאַל־פּלאַץ; די וואָקזאַל־לייט האָבען אויף איהם געקוקט פון דערווייטענס און צוגעשמייכעלט. ס'האָט זיך געמאַכט, אַז די חברה איז אויפגעלעגט געווען: מ'האָט דעמאָלט בעטראַכט אויף פּיווניאַקען דעם נייעם שוואַרצען פּאַלטאָ און איהם צו חנינאָ'ן אונטערגעשיקט. האָט פּיווניאַק געפאָלגט, איהם אָבגעשטעלט און געפרעגט:

— עפּעס האָט איהר מיר, ר' חנינא, אַ פּנים, ווי איהר לאָדט זיך ביים „מיראָוואָי" און דער משפט דאַרף זיין דעם זעכצענטען. וואָס איז די מעשה, אַ?

דער עולם האָט ווילד הנאה געהאַט און געלאַכט. און דער הויכער וואָקזאַל חאָט דעם געלעכטער גלייכגילטיג אויסגעהערט און ווידער געדרימעלט. חנינא האָט געוואָלט עפּעס ענטפערען, זיך בעטראַכט אַז ס'איז ניט כדאי, געטהון אַ הוסט און אַ סמאַרע מיט'ן נאָז. פון הסח־הדעת וועגען האָט ער פאַמעליך פון דער פּאַלטאָ־קעשענע אַרויסגענומען אַ פערשמאָציוועטס און צונויפגעלעגטעס שטיקעל פּאַפּיער, דאָס צוגעטראָגען צו זיינע גרויסע און קורצזיכטיגע אויגען און דאָס בעשמעקט מיט'ן נאָז, גלייך ווי אָט דאָס שטיקעל פּאַפּיער האָט עמיץ נאָר וואָס אויף אַ שפּיצעל אַריינגעוואָרפען צו איהם אין קעשענע, און ער אַליין וואָלט דערפאַר מורא געהאַט, ווי פאַר אַ מסוכ'נדיגער באָמבע.

אין מיטען פּלאַץ, ווי אַ פערגעסענער און איבערגעלאָזטער, איז געשטאַנען ביינוש רובינשטיין — אַ מיטעלוואוקסיגער און שוואַרצער יונגערמאַן מיט אַ קליינעם פערוואַקסענעם שטערען, טיפע שוואַרצע אויגען און קליינע, שפּיציב'יגע נאָז.

אַליין איז ער אַ למדן, אַ יחסן און אַ שטאַרק פרייער. ניט לאַנג האָט ער חתונה געהאַט מיט דער צווייטער וויייב און גענומען דאָס צווייטע מאָל נדן. זי אַ קליינע אַ גרינגע, אַ אויפגעקומענעם גביר'ס אַ טאָכטער, און ער — אַ שטיק קמצן מיט נידעריג־צוגעשווירענע באַקען און פערבליבענע בית־המדרש־טיפקייט. ס'טהוט איהם באַנג אַלמאַי סוחרים פערדינען און ער עסט גרייט געלד, ער חאָט דערפאַר די סוחרים פיינד, טראַכט פיעל און בייסט די נעגעל. צייטענווייז געהט צו איהם צו

אַברהמ'צ‏יִק קויפמאַן קלאַפּט איהם פרײַנדליך אין די פּלײצעס און קוקט איהם שמײכלענדיג אַרײַן אין זײַן פערמוח'טען פנים.

— בײנעש, שרײַט ער צו איהם, איך איז גוט.

בײַ בײנעש'ן לײַכטען זיך און שמײכלען עטוואָס די טיעפע און שוואַרצע אויגען. ער ווײסט ניט, צו ער זאָל זיך בעלײדיגען, צו נײן, נאָר אַברהמ'ציק האָט שוין פאַמעליך אַוועקגעשפּאַנט, די הענד אונטער'ן פּידזשאַק און דעם קאָפּ עטוואָס פאָראויס. ער האָט דעם זומער גוט פערדינט, אַוועקגעשלעפּט דערצו בײַם קאַרגען פּאָטער אַ היבשע סוממע און אָבגעקויפט דעם „רעזערוואואַר", וואָס בײַם וואָקזאַל. אַלײן איז ער געוואָרען קרעפטיגער, דער פנים לויטערער און דער שמײכעל פוילער.

ער בעגעגענט איציק־ברוך'ן, חאַפּט איהם פאַר די הענד. שאָקעלט איהם אַהין און צוריק און פרעגט קריצענדיג מיט די צײן:

— נו, איציקעל, בעדאַרף מען זיך מוטשען, אַ?

אַמאָל האָבען זײ געלערענט אין אײן חדר. איציק פלעגט איהם שטענדיג אָבנאַרען, אויסשמירען זײַן פנים מיט סאַזשע און צוקלעפּען צו די פּלײצעס אַ ווײַסען פּאַפּיער מיט גרויסע און שוואַרצע אותיות: «дуракъ». נאָכדעם איז איציק אַוועקגעפאָהרען און געוואָרען אַנ'עקסטערן. ער האָט זיך לאַנג געוואַלגערט אין די גרויסע שטעדט און דאָרט לאַנג געלערענט. זײַן קלענערער ברודער איז שוין אַרײַן אין אוניווערזיטעט און ער האָט געלערענט. דער פּאָטער — אַ ליטוואַק פון די ערשטע קאָמיסיאָנירען — איז אַלט געוואָרען, און ער האָט נאָך אַלץ געלערענט. דער פּאָטער איז געשטאָרבען, האָט ער זיך צו־ליעב דער מוטער געזעגענט מיט די גרויסע שטעדט און אַראָבגעקומען אויף דעם וואָקזאַל. די וואָקזאַל־לײַט האָבען פאַר איהם דרך־ארץ דערפאַר, וואָס ער איז אַ נײַ־אָנגעקומענער, אַ הויכער, אַ געזונדטער און טראָגט לאַנגע האָר, און אויך דערפאַר, וואָס ער איז אין די ווײַטע שטעדט אַ רעוואָלוציאָנער געווען און האָט מיט זײ ווענינ שייכות. אַברהמ'ציק'ן שטופּט ער פון זיך אָב מיט אַ שמײכעל און רוימט איהם אײַן אין אויער:

— ס'אַרא רחמנות אויף דיר, אַברהמ'ציק. אַזאַ געזונדטער ביזטו, אַזאַ קרעפטיגער און — אַזאַ שוטה.

אברהמציק הערט רוהיג אויס, צעלאכט זיך אויפ'ן קול און בעלוינט איהם ווידער מיט א פריינדליכען קלאפ אין די פלייצעס.

## II.

אין דעם זומער האט אברהמ'ציק א שטוב געבויט.

געבויט האט ער פאמעליך און פויל, ווי פאמעליך און פויל ס'זענען געווען זיין פעטער מוח מיט די שמעלצעדיגע סוחר'ישע געדאנקען. דאך איז שוין אין אנהויב אלול נעבען רעזערוואר, אביסעל אן א זייט פונ'ם וואקזאל, געשטאנען א היבשע הויכע און איינגארענדיגע שטוב, געטראגען אויף זיך מיט א מהיכי־תיתי'מיגע דעם ווייסען און פלאטשיכיגען דאך און ערנסט בעטראכט די דורכפאהרענדע פוהרען, גלייך ווי אין איהר פעדערשטע וואנד וואלט ניט געווען קיין פיער לאנגע און גלעזערנע פענסטער, נאר גאר פיער גרויסע און שטארק אפענע אויגען. בארפיסע פויערשע קינדער האבען דא ניט ווייט ווייסע גענז אויף דעם גראז געפאשעט, זיי פלעגען אפטמאל צו די אפענע פענסטער צוגעהן, בעטראכטען די פינף געפארבטע, געשפאלירטע און ליידיגע חדרים, און זיך צוהערען, ווי ס'הילכען דארט די שטיינדלעך, וועלכע זיי ווארפען בגנבה אריין. אויף דעם געשניצטען און ניט דערענדיגטען באלקאן איז צייטענווייז געשטאנען אברהמ'ציק אליין, די הענד פערלעגט אונטערן פידזשאק, דעם קאפ עטוואס אנגעבויגען און שמייכלענדיג געווינקען צו די דורכפאהרענדע קאמיסיאנערען און סוחרים. די סוחרים האבען ניט פערגונען, דער באלקאן האט זיך אבער ביסלעכווייז געענדיגט. דאמאלס האט אברהמ'ציק געמאכט א בחור'שען חנוכת־הבית, און פונ'ם נאהענטען שטעדטיל זענען אראבגעקומען געבעטענע און אומגעבעטענע געסט.

ענג איינגעזעצטע אין צוויי גרויסע, בעל־עגלה'שע פאטאנעס, ס'רוב מעדלעך מיט אבגעטראגענע היטעלעך, זענען די געסט מיט א ליארעם און געפילדער צוגעפאהרען צו דער נייער און ליידיגער שטוב און געבליבען זיצען אין די פאטאנעס. זיי האבען זיך געשעמט אראבקריכען דערפאר, וואס דער

בעל־הבית איז געווען אַ בחור און אַ ווילד־פּרעמדער. זיי האָבען דערפאַר געלאַכט, געווען שטאַרק רויט און זיך הינטען־אַרום געקנייפּט. דערנאָך האָבען זיי זיך אַוועקגעלאָזען אויפ'ן וואָקזאַל־פּלאַץ און אַרומשפּאַנענדיג האַלב־שעמעוודיג, געגריזשעט וואַל־וועלע, צוגעשימעלטע קאָנפעקטען.

צווישען זיי איז אַ הויכע און געזונדטע געגאַנגען אַברהמ'ציקס שוועסטער—אַ מעדעל פון אַ יאָהר 17, און שטאַרק געמאַכט מיט איהרע לאַנגע און אונגעוועהנליך גרויסע הענד. איהר פּנים איז געווען אַ מאַנסביל'שער, דער גאַנג אַ מאַנסביל'שער און די מאַניערען מאַנסביל'שע. קוקענדיג אויף איהר האָט זיך געדאַכט, אז ווען זי איז נאָך אַ קינד געווען, האָט זיך עמיץ טועה געווען און פערביטען איהרע מאַנסביל'שע קליידער אויף ווייבערשע, נאָר סוף כל סוף וועט מען זיך אַרומזעהן און זי וועט מוזען אָבשערען איהר לאַנגען צאָפּ און צוריק אָנטהון אַ פּידזשאַק מיט לאַנגע הויזען.

די קאָמיסיאָניערען האָבען געקוקט אויף די אונגעוועהנליכע געסט, זיך געווערטעלט און גערעדט נבול־פּה, און בײנוש רובינשטיין איז אַ צוטראָגענער געשטאַנען אָן אַ זײַט און פער־טראַכטערהייד געביסען די נעגעל. ס'האָט איהם פערדראָסען דאָס, וואָס אַברהמ'ציק האָט אויף דעם וואָקזאַל אַראָבגעבראַכט אַזוי פיעל מעדלעך מיט געזונדטע רויטע פּנים'ער. ער האָט געפונען איציק ברויך, צו איהם שמייכלענדיג אַ ווונק געטהון און געפרעגט:

— ווי איז אייער מיינונג, איציק?

ער האָט תמיד ליעב געהאַט צו רעדען טיעף, מיט האַלבע ווערטער און אָנהויבען פון דער מיט.

— אָט אָ די מעדעלע, האָט איציק אָנגעוויזען, האָט אַ שענעם פּנים, אַ געזונדטען און אַ רויטען.

ער האָט זיך פערטראַכט און פּאַמעליך געענדיגט:

— אַ שענעם, נאָר אַ נאַרישען.

אַ יונגער קאָמיסיאָניער מיט אַ שטאַרק רויטען פּנים, ווי בײַ אַ קצב, האָט די מעדלעך אָבגעשטעלט און מיט זיי אַ שמועס פערפיהרט. די מעדלעך האָבען זיך פונאַנדערגעלאַכט, זיך

פערשעמט און פונאנדערגעלאפען אין פערשידענע זייטען פונ'ם גרויסען וואקזאל-פלאץ.

— נו, איציק? האט רובינשטיין ווידער געפרעגט.

נאך איציק האט נאך אלץ געשוויגען. ער האט פון איהם קיין אויג ניט אראבגענומען און איהם בעטראכט מיט דרך־ארץ: א הויכער און קרעפטיג, א אנגעקומענער פון א פרעמדע און וויטע וועלט, און קיין זאך בעריהרט איהם ניט...

— פערהאן ביי איך גוטע מדות — האט ער איהם געלויבט. און נאך א ווילע טראכטען צוגעגעבען:

— איהר האט דאך קיינעם ניט פיינד איציק?

איציק האט זיך אומגעקוקט און געענטפערט:

— כ'האב פיינד זוירען בארשטש, נארונים און מענשען, וועלכע וויסען ניט וואס זיי ווילען.

רובינשטיינס אנגעבלאזענע און נידעריג-צוגעשוירענע באקען זענען מיט אמאל רויט געווארען. ער האט זיך מאדנע פער־קרימט און א שמייכעל געטהון.

— עט, איציק.

נאר איציק איז שוין נעבען איהם ניט געוועזען און רובינשטיין האט פלוצים דערפיהלט, אז ער איז א קליין איינזאם בעשעפעניש, וואס טרינקט זיך אין א ים פון גיפטיגער שנאה, וואס בשעת ער טרינקט זיך, ווארגט איהם עמיץ הינטען ארום פאר'ן האלז, ווארגט איהם פאמעליך אהן מיטלייד און אלע טאג שטארקער. און ער אליין ווייסט ניט ווער ס'ווארגט איהם און קיינמאל וועט ער דאס ניט וויסען, און ניט וויסענדיג וועט ער אמאל ברוין און בלוי ווערען, ארויסשטעקען אויך אזא מין ברוינע און בלויע צונג און ארויסלאזען פון זיך די נשמה, אזוי מיאוס און נאריש, ווי מיאוס און נאריש ער האט זי צו זיך אריינגענומען, ווי מאוס און נאריש ער האט מיט איהר די גאנצע צייט געלעבט.

ער האט אנגעהויבען מיט מעהר הימפעט בייסען די נעגעל, געקוקט מיט שטארק פערקלערטע אויגען און געזוהלט אויפ'ן קאפ צענויפערבנען וויפיעל געלד ער פערמאגט. ס'האט זיך איהם ניט ווילענדיג געקלערט וועגען די סוחרים, וועלכע זענען אין דעם זומער רייך געווארען, וועגען חיים-מענדעל מארגוליס, פון וועלכען ס'קומט איהם היבש געלד און וועגען דעם, וואס ער

אַליין טהוט גאָר ניט, דרעהט זיך אַרום אויף דעם וואָקזאַל און עסט גרייט געלד.

— אַ קבצן, האָט ער צו זיך אַליין אַ שמייכעל געטהון — אַ מלאכה צו ווערען אַ קבצן?

איינזאַם האָט ער אַרומגעבלאָנזעט אויף דעם וואָקזאַל-פּלאַץ און פּאַמעליך צוגעשפּאַנט ביז דער צווייטער זייט וואָקזאַל, וואו די קאָמיסיאָניערען און סוחרים האָבען זיך שוין אַרויפגעזעצט אויף די גרויסע, בעל-עגלה'שע בריצקעס און אָבגעפּאָהרען אין נאָהענטען שטעדטיל אויף נאַכט-לעגער.

פון איין גרויסער ענג-אַנגעזעצטער בריצקע האָט פּיוניאַק אַרויסגעשטעקט צו איהם זיין גרויסען קאָפּ און אַ געשריי געטהון:

— נו, ביינוש, אַרויף, אַ היים, צום ווייב.

נאָר ער האָט זיך ניט גערירהט און געטראַכט, אַז זיין ווייב איז אַ קליינע, אַ גרינגע מיט אַ גראָבליכע, עטוואָס-פּעררי-סענע נאָז; אַז יעדעס מאָל, ווען זי דאַרף צו דער שפּייז-שאַפּע האָבען, דראַפּעט זי זיך אויף אַ בענקעל, פּאַלט אַראָב און צוברעכט עפּעס; אַז זי איז עפּעס אַ משונה'דיגע און אַ קראַנקע, וואָס וועט קיינמאָל מיט איהם קיין קינדער ניט האָבען, און ער וועט דאַרפען תמיד קוקען אויף איהר גרינגעס פנים, און פּעררי-סענע נאָז; זעהען, ווי זי ברעכט טעלער און גלעזער,

ס'איז פערגאַנגען די זון. אַ גרויסע און שטאַרק רויטע האָט זי זיך גאָך איינמאָל בעוויזען אויף דעם עק פון'ם וואָלקענדיגען מערב, אָנגעצונדען די געלע בלעטלעך, וואָס אויף די שפּיצען פון איינציגע אַקאַציען-בוימער און זיך בעהאַלטען הינטער אַ ווייטען און נאַקעטען באַרג.

— פּאַני רובינשטיין, האָט זיך נאָך עמיץ צו איהם געווענדעט, — איהר בלייבט אויף נאַכט דאָ?

נאָר ער האָט ניט אָבגעענטפערט און געקוקט אַ הין, וואו צווישען דריי בעל-עגלה'שע פוהרען האָט זיך נאָך איינזאַם אַרומגעדרעהט דער קליינינקער פּיניע ליסאַק, אַ אָנגעטהונענער אין זיין לאַנגען און שוואַרצען ראָק. ער האָט ניט געהאַט צו בעצאָהלען פאַר דער פוהר, האָבען דערפאַר די בעלי-עגלות אויף איהם ניט געקוקט און איהם ניט געוואָלט נעהמען. אלי

דערבארעמדיגער האט איהם ארויפגענומען אויף זיין פוהר און איהם געזעצט גלייך מיט דעם אנטרייבער. דער אנטרייבער — א היבשער פויערשער בחור מיט שווארצע הענד, ווי ביי א שוסטער, איז דערפאר ברוגז געווארען. ער האט ליסאק'ן הינטען ארום געשטארצעט מיט א עלענבויגען, געקוקט אויף איהם מיט בייזע אויגען און געקריצט מיט די צייהן. און ליסאק איז געזעסען א איינגעהויקערטער, א שווייגעדיגער מיט א שווארצען, איבערגעשראקענעם און שטארק דאנקבארען פנים.

ס'איז אוועקגעפאהרען די לעצטע פול אנגעזעצטע פוהר. ער האט געקוקט אויף די פרייליכע פנים'ער פון די, וואס פאהרען צום לעצטען א היים; געזעהען, ווי דער בעל־עגלה, וויל די אבגעפאהרענע פוהרען דעריאגען און שטייסט דערפאר זיינע מאגערע פערד; ווי דאס קיהלע פארנאכט־ווינטעל יאגט זיך נאך דער פוהר און פערטרייבט דעם שטויב צום שטעדטיל צו.

פונ'ם וואקזאל איז ארויסגעגאנגען דער הויכער און גלייכער זשאנדארם, נאך איהם האט א שטארקען קלאפ געטהון די טהיר, גלייך ווי דער וואקזאל וואלט ניט בעשטאנען פון חדרים און קארידארען, נאר פון איין גרויסע און פוסטע פאס. דערזעהענדיג רובינשטיינען א איינגעזאמען און פערמוח'טען האט ער איהם ארומגעקוקט און געוואלט עפעס זאגען, נאר ער האט זיך באלד בעטראכט, אז ס'פאסט ניט פאר איהם און זיך מיט א מאל געלאזט געהן א היים שטאלץ און גרייט אויף אלעם, גלייך ווי פון דעם גאנצען ליידיגען פלאץ און הויכע, שאקלענדיגע בוימער וואלטען אויף איהם ארויסגעקוקט טויזענדטער אפענע אויגען פון זיין „נאטשאלסטווא".

קוקענדיג אהין, וואו די פוהרען דראפען זיך איינע נאך דער צווייטער אויף דעם בארג און ווערען איינגעזונקען אינ'ם וואלקענדיגען האריזאנט, האט זיך בייגוש דערפיהלט מארנע איבערגעבליבען און פערגעסען. ער האט געזעהען פאר זיך דאס בעהאלטענע אינ'ם האריזאנט שטעדטיל, גלייך ווי ער וואלט איצט דארט געשטאנען, געזעהען ווי מען טרייבט די טשערעדע איבער דער לאנגער און שמאלער גאס, ווי ווייבער זיצען אין די אפענע טהירען, ווארטען אויף די פאהרענדע מאנען און קלאגען זיך אויף דער פריהער אלול־קעלט.

דאָרט אין עק־גאַס שטעהט די שטוב זײַנע. זי איז אַרומגעצאַמט מיט אַ נידעריגען פּאַרקען, און אויף דער טהיר הענגט אַ שלעסעל. ווען ער קומט איצט אָן, וואָלט ער דאָס שלעסעל אַ טאַפּ געטהון, אַרײַנגעקוקט דורך דעם פערמאַכטען פענסטער אין דער פּוסטער שטוב און זיך געלאָזט דאָס ווײַב זוכען. ער וואָלט זי געפונען בײַ איהר פאָטער. זי וואָלט זיך ניט דערפרעהט און וואָלט ניט טרויעריגער געוואָרען און דאָס פּנים איהרס, וואָלט, ווי תמיד, מרה־שחורה'דיג גרין געווען, נאָר די שוויגער וואָלט זיך אויפגעהויבען און געזאָגט:

— זעה נאָר, בײַנוש איז געקומען! געה, טאָכטער, גיעב איהם טעה.

און זײ וואָלטען געגאַנגען.

און ווײַט, ווײַט, פון יענער זײַט האָריזאָנט ליגט נאָך אַ שטעדטיל. ס'שלינגט דאָס איין די נאַכט. אין יענעם שטעדטיל איז אויך אַ לאַנגע גאַס פערהאַן, נאָר אַ ברײַטע איז זי און אַ קרומע.

דאָרט אין מיט גאַס שטעהט זײַן פאָטער'ס שטוב, אַ אַלטע און אַ אויסגעקרימטע מיט שטאַרק אויסגעקרימטע פענסטער. אין יענער שטוב איז ער געבוירען געוואָרען און אין דעם נאָהענטען אַלטען בית־המדרש זײַנע יונגע יאָהרען פערבראַכט. זײַן פאָטער זיצט איצט געוויס אין בית־המדרש און יודען האָבען פאַר איהם דרך־ארץ, — אַ יחסן, קלערען זײ — און אַ סך געלד האָט אַ מאָל זײַן שוועהר געהאַט.

און ער שטעהט דאָ, בײַם פּוסטען וואָקזאַל. ער האָט ניט קיין היים, און אין יענעם שטוב, אויף וועלכען ס'הענגט דאָס שלעסעל, איז שטיל און פּוסט, פּוסט...

---

פון דעמאָלסט אָן איז בײַנוש רובינשטיין שוין מעהר צו זיך אין שטעדטיל ניט געפאָהרען. ניט ווײַט פון'ם וואָקזאַל האָט ער זיך בײַ איין פויער אַ חדר אָבגעדונגען און דעם אַ נאָמען געגעבען „די היים".

אויף צו־להכעיס דער גרינער און משוגה'דיג־קראַנקער

ווייב האט ער דאס געטהון און אויף צו'להכעיס נאך עמיצען, א שטארק שלעכטען און פערמיאוסטען, וועגען וועלכען ער האט טראכטען ניט געוואלט. אפשר איז דער עמיץ זיין אנגעבלאזענע שוויגער געוועןֹ, וועלכע האט געמוזט זיין ווייב אויף צו לעבען געבען. אבער ניט דאס ווייב, ניט די אנגעבלאזענע און קארגע שוויגער האבען ביי איהם געפרעגט פאר וואס ער וויל א היים ניט קומען; אזוי קליין איז ער שוין ביי זיי אין די אויגען געוועןֹ און בעמערקט האבען זיי אפילו ניט, צו ער קומט א היים, צו ניין. ער האט זיך דערפאר נאך מעהר פערעקשנ'ט און ניט געשריבען קיין בריעף.

אויף דעם וואקזאל איז דאס לעבען געקראכען פאמעליך און נודנע. אלע גאנץ פריה זענען זיך די סוחרים צענויפגע־פאהרען. נאך דעם הונגער האבען זיי אויף דעם וואקזאל קיין ארבייט נישט געהאט, זיך א גאנצען טאג געווערטעלט מיט די מעקלערס, און בעגלייט מיט די אויגען די לאנגע און ברוג'זע פאסאזשיר־צוגען. ער האט מיט די סוחרים וועניג שייכות געהאט, דערפאר וואס זיי אלע זענען צופרידען געוועןֹ פון דעם, וואס ער דערלעגט געלד און האט א מיאוסע ווייב. אזעלכע שלעכטע און פערביסענע זענען זיי געוועןֹ, און פערדיענט האבען זיי אלע חוץ איהם... ער האט זיי טאקע דערפאר שטארק פיינד געהאט און זיך געהאלטען מיט זיי פון דער וויטענס. דאך איז יעדען פאר נאכט, ווען די סוחרים זענען זיך פונאנדערגעפאהרען, אויף דעם וואקזאל נאך פוסטער און אומעטיגער געווארען. ער האט דעמאלסט איינזאם ארומגעבלאנזעט אויף דעם ליידיגען פלאץ און זיך געפיהלט, ווי א בעליידיגטער און פערגעסענער. געטראכט האט זיך איהם דעמאלסט טרויעריג און ניט גוט וועגען זיין פוסטער שטוב, וואס שטעהט דארט איינזאם צווישען די פרייליכע שטיבער פונ'ם לעבעדיגען שטעדטיל, וועגען דעם שלעסעל, וואס הענגט דארט אויף דער טהיר און וועגען דעם, וואס ער וועט זיך דא אייביג ארומבלאנקען א איינזאמער, א טרויעריגער און א שוויינענדיגער. די וואקזאל־דינער, האט ער זיך, ווי ס'האט אויסגעוויזען, גיך צו געגעסען. זיי האבען איהם אפילו גאר ניט געזאגט, נאר דורכגעהענדיג פערביי דעם בענקעל, אויף וועלבען ער איז געזעסען, האבען זיי אויף איהם קורצע

און בייזע בליקען געווארפען און הי געפרעגט: וואס וואלגערט זיך נאך אט דער דא?

אפילו דעם טרעגער, וועלכער האט יעדען פארנאכט דעם ליידיגען פלאץ אבגעקעהרט, האט ער זיך שוין אויך איינגעגעסען. דאכט זיך, וואס האט ער געהאט צו פערקעהרען דעם שטויב גלייך צו איהם אין פנים און צו קוקען אויף איהם מיט בייזע אויגען? נאר ס'האט איהם פערדראסען: בלאנקעט זיך א מענש גלאט אזוי ארום, סוחרים פאהרען א היים אוועק, צו ווייב און קינדער פאהרען זיי, און דער וואלגערט זיך ווי א הונד, צו ליעב וואס? צו ליעב וועמען? פארנאכטען זענען ווי אויף צו'להכעים געגאנגען קיהלע, וואלקענדיגע, אלול'דיגע. שטילע ווינטען האבען מרה־שחורה'דיג ארומגעבלאזעט אינ'ם דונקעלען איר און די הויכע גלייכע טאפאליעס, וועלכע זענען אנטקעגען אין סעדיל אין צוויי שורות, ווי די סאלדאטען, געשטאנען, האבען זיך ניט געשאקעלט, נאר די בלעטליך זייערע האבען זיך אויף זייערע לינקע זייטלעך איבערגעקעהרט, זיך געטרייסעלט און שטיל געדאווענט.

א מאל פלעגט צום וואקזאל צו לויפען אברהמ'ציק קויפמאן, חאפ'ן א קוק צו מיט דעם משא־צוג איז איהם ברעטער מיט קעראסין אנגעקומען און באלד לויפען צוריק צום רעזערוואר. ווען ס'איז אין דרויסען פינסטער געווארען, האט זיך געזעהען, ווי דארט ווייט לייכט זיך אין זיין שטיבעל; און געהערט האט זיך אין דער שטילקייט און פוסטקייט, ווי ס'היט איהם דארט אב זיין אלטער סטרוזש און קלאפט דארט פאמעליך אינ'ם דרימעלדיגען הילצערנעם פארקאן.

אויף דעם עק פון דעם וואקזאל־פלאץ פלעגט זיך אמאל בעוויזען איציק ברוך און עמיצ'ן שרעפען ער זאל זיך מיט איהם צו דער „וואדאקאצקע" באדען געהן; אזא קרעפטיגער און אונפערשטאנדיגער איז דער קאלטבלוטיגער בחור געווען, און געבאדען האט ער זיך נאך אקוראט צוויי מאל אין טאג, חאטש אין טייך איז שוין דאס וואסער שטארק קאלט געווען און געשניטען דאס לייב ווי מיט מעסער'ס. זיינע פערדינסטען האט ער אלע מאל זיין מוטער מיט די שטאדט־בעלי־עגלות אבגעשיקט, אליין געזעסען ביים וואקזאל, זיך מיט קיינעם ניט אנגעקעהרט

און גֶעהַאט אַלץ אַיין פּנים אִי שבת אִי וואָך. אַיינמאָהל בּיינאַכט אִיז בּיינוש צוּ אִיהם אַרַיינגֶעגאַנגֶען און אִיהם גֶעטראָפֶען לִיגֶען אויף דֶער נִידֶערִיגֶער קאַנאַפּע מִיט'ן פּנים צוּ דֶער סטֶעלִיע.

— ס'אִיז אַייך אוּמֶעטִיג? — האָט עֶר אִיהם גֶעפרֶעגט.

נאָר אִיצִיק האָט גֶעעֶנטפֶערט „ניין" און ווִידֶער גֶעקוּקט אויף דֶער סטֶעלִי. עֶר אִיז בּיי אִיהם דֶעמאָלסט אָבּגֶעזֶעסֶען אַ פּאָר שעה און נאָכדֶעם אָנגֶעהוֹיבֶּען אַרַיינקוּמֶען צוּ אִיהם אַלֶע אָבֶענד. אִיצִיק האָט ס'רוב גֶעשווִיגֶען און גֶעקוּקט אויף דֶער סטֶעלִי מִיט גרוֹיס אִינטֶערֶעס, גלייך ווִי עֶר וואָלט אִין אִיהרֶע דוּנקֶעלֶע ווִינקלֶען גֶעזֶעהֶען יֶענֶע גרוֹיסֶע און ווייטֶע שטֶעדט, אִין ווֶעלכֶע עֶר האָט זיין יוּגֶענד אִיבֶּערגֶעלאָזט; ס'האָט אִיהם נִיט בֶּערִיהרט וואָס דִי וואָקזאַל־סוחרים פֶערדִינֶען, און צוּפרִידֶען אִיז עֶר נִיט גֶעווֶען דֶערפוּן, וואָס עֶר דֶערלֶעגט. טאַקֶע דֶערפאַר האָט עֶר זִיך גֶעבֶּען אִיצִיק'ן גֶעפִיהלט גרִינג און פריי און אִיז גִיך גֶעוואוֹינט גֶעוואָרֶען דֶערצוּ, וואָס עֶר האָט גֶערֶעדט און אִיצִיק האָט גֶעשווִיגֶען.

אַיינמאָל גִיז עֶר זִיך בּיי אִיצִיק'ן שפּעֶט פֶערזֶעסֶען און גֶעבּלִיבּען נֶעכטִיגֶען. עֶר האָט זִיך טאַקֶע דאָס מאָל אויסדֶער־צֶעהלט פאַר אִיצִיק'ן. נאָר אִיצִיק האָט, ווִי גֶעווֶעהנלִיך, גֶעשווִיגֶען און אַ פּנים גֶעהַאט, ווִי מֶען רֶעדט נִיט צוּ אִיהם; דִי לאָמפּ אִיז גֶעווֶען אַרוּמגֶענוּמֶען מִיט אַ רוֹיטֶען פּאַפִּיר, דֶערפאַר זֶענֶען אִין חדר רוֹיט גֶעווֶען דֶער אִיר, דִי ווֶענד, דֶער טִיש מִיט'ן זוּדִיגֶען סאַמאָוואַר און אָנגֶעגאָסֶענֶע גלֶעזֶער טֵעה און אִיצִיק אַליין, ווֶעלכֶער אִיז, ווִי תּמִיד, גֶעלֶעגֶען אויף דֶער נִידֶערִיגֶע קאַנאַפּע דִי הֶענד אוּנטֶער'ן קאָפּ און דִי אוֹיגֶען צוּ דֶער סטֶעלִי. אַזוֹי שטִיל אִיז אִין חדר גֶעווֶען, אַזוֹי אַנגֶענֶעהם, וואָס אִין נאָהֶענטֶען קאָררִידאָר קווִיטשֶעט אִין דֶער פִינסטֶער אַ קלֵיינֶער חזיר און וואָס אִין דֶער צווייטֶער הֶעלפט פוּן דֶער שטוּב שריַיט דֶער גוֹי'עֶשֶער בּעל־הבית און קרִיעגט זִיך דאָרט מִיט זיין יוּנגֶע און שֶענֶע ווייבּ. דאָך האָט צווִישֶען דֶער שטִילקייט און רוּהִיגקייט שטאַרק גֶענאָגט דאָס הארץ, זִיך גֶעפרֶעסט און ווֵעה גֶעטהוּן. בּיינוש רוּבִּינשטיין האָט שוֹין גֶערֶעדט שטִיל און אִין זיין אַראָבּ־גֶעלאָזטֶען קוֹל האָט זִיך גֶעהֶערט אַ אַיינגֶעהאַלטֶענֶע קלאָג:

— אִיהר פֶערשטֶעהט, אִיצִיק! מֶען שטֶעלט אַייך

א נידער און מען זאָגט אייך: נאַ קוק און ווער צו זעצט. די זאַך איז פשוט.

אויף זײַן פּנים איז פּערקיהלט געווען אַ פּערדראָס, אַ פּערדראָס אויף זײַן ווײַב, אַ פּערדראָס אויף די סוחרים, וועלכע פּערדינען, אַ פּערדראָס אויף דעם גאַנצען לעבען, וועלכעס פיהרט זיך ניט אַזוי ווי ס'דאַרף צו זײַן און טהוט אַלץ אויף צו'להכעיס. די טיעפע און קלײַנע אויגען האָבען געקוויכטען און אויסגעזעהען בעלײַדיגט און הילפלאָז.

— אומעטום זעהסטו אַ זעלבע דברים־אַחרים, ווי אברהמ'ציק קויפמאַן, און ס'איז זײַ גוט און זײַ שמײַכלען.

נאָר איציק האָט זיך פּלוצים אויסגעצויגען מיט זײַן גאַנצער קרעפטיגער לענג, געטהון אַ געניץ אויף'ן קול און אויסגעצויגען צו איהם אַ פּאָר פערמאַכטע און קרעפטיגע הענד.

— מ'זאָגט, רובינשטײַן, אַז די ערשטע ווײַב אײַערע איז געווען אַ שענע און אַ קלוגע.

בײַ רובינשטײַנען האָבען די קלײַנע אויגען שטאַרקער צו לײַכטען אָנגעהויבען. ער האָט געוואָלט זאָגען: און הײַנט לעב איך מיט אַזאַ מיאוסע און נאַרישער; ער האָט זיך אָבער אײַנגע־האַלטען און געשוויגען.

ס'איז אַרײַנגעקומען דעם בעל־הבית'ס שענע און יונגע ווײַב. זי האָט צו געשטעלט בענקליך צו דער קאַנאַפּע און מיט איהרע פולע, האַלבנאַקעטע הענד געמאַכט אַ געלעגער. ער האָט זיך האַלב אויסגעטהון און זיך געלעגט בײַ דער וואַנד. נאָכדעם האָט איציק פערלאָשען די לאָמפּ, זיך אויסגעצויגען נעבען איהם און באַלד אַנטשלאָפען געוואָרען. דער קלײַנער חזיר האָט זיך פערשטופּט אין טיעפען ווינקעל פון דעם פינסטערען קאָררידאָר, זיך דאָרט צעגויפגעקנײַצט און אויפגעהערט צו קוויטשען. מיט אַ מאָל איז געוואָרען שטיל און פוסט, און דורך די נידעריגע, האַלב־פערהאָנגענע פענסטער, האָט אַרײַנגעקוקט די שוואַרצע, וואָלקענדיגע און קיהלע אלול־נאַכט, זיך געצויגען הײַט ווײַט און געדרימעלט. פון יענער זײַט איז דורכגעגאַנגען דער אָנגע־פּעלצטער בעל־הבית מיט'ן לאַמטערען אונטער'ן אָרעם און פאַמעליך אַוועקגעשפּאַנט ערגיץ אויף דער דריטער ווערסט, וואו ער האָט אײַנער אַלײַן בעדאַרפט אָבשטעהן די גאַנצע נאַכט.

מ'האָט נאָך לאַנג געזעהן ווי בײַם אָוועגעהענדיגען ציטערט דער לאַמטערען אונטער'ן אָרעם, בײגט זיך און פינקעלט, ווי אַ גרויסע רויטע און פײַערדיגע אויג, וואָס קאָן ערגיץ אַוועקגעהן, זיך ערגיץ בעהאַלטען, אָבער קײנמאָל ניט אויסגעלאָשען ווערען. ס'האָט ווידער געגאָגט דאָס האַרץ און דער מוח האָט געטראַכט וועגען דאָס ערשטע געשטאָרבענע ווײַב. אַזאַ שענע איז זי געווען, אַ שטילע און אַ ווייכע מיט אויך אַזעלכע שטילע און ווייכע געפיהלען. און ליעב געהאַט האָט זי איהם, דעם שוואַרצען און ניט שענעם, מיט די נידעריג־צוגעשוירענע באַקען און אָבגעביסענע נעגעל. ער האָט זי, ווי ס'האָט אויסגעזעהען, שטאַרק ליעב געהאַט, וואָרום ווען ער זאָל זי ניט געווען ליעב האָבען, וואָלט ער זיך, בשעת זי איז געשטאָרבען, ניט געווען אַזוי שטאַרק איבערגעשראָקען, וואָלט ניט געיוען אַרויסגעלאָפען אויף דער גאַס, ווי אַ חסר־דעה און וואָלט דאָרט ניט געווען אָבגעשריגען גאַנצע צוויי שעה „גוואַלד", אַזוי אַז אַלע ווײַבער זאָלען זיך צענויפלויפען. אַ מענש שרײַט ניט אומזיסט און איבערהויפט ער — בײַנוש רובינשטײַן. דאָך איז ער באַלד נאָך איהר טויט צו זײַן פאָטער געקומען, צוריסען איהר שענעם בילד, וועלכעס זי האָט איהם נאָך כלה־ווײַז געשענקט, און די שטיקלעך פער־שטופט ערגעץ הינטער אַ פלאַט פון אַ טיש, און אין פיער חדשים אַרום האָט ער מיט דער צווייטע ווײַב חתונה געהאַט און גענומען דאָס צווייטע מאָל נדן. ווען ער איז מיט איהר אין אַ פּאָר חדשים אַרום צום פאָטער צו־גאַסט געקומען, האָט די מוטער, אַ קלוגע און לײַטישע יודענע, איהר כבוד אָבגעגעבען, ווי איין אַנגעלעגטער שנור, נאָר זײַן קלענערע שוועסטער — אַ געזונדטע קלײַנשטעדטילדיגע מעדעל מיט אַ בראָדיווקע אונטער'ן נאָז, האָט זיך איינמאָל צעוויינט אויפ'ן קול און געקלאָגט ווי אויף אַ מת:

— אוי אויסגעביטען האָסטו.

און זי — די נײַ אויסגעביטענע איז דעמאָלסט געווען אין צווייטען חדר, אַלץ אויסגעהערט און אַפילו ברוגז ניט געוואָרען. אַזאַ הילצערנע און לעבעדיג־טויטע איז זי געווען. איינמאָל ווען מ'האָט דעם טיש איבערגעטראָגען, זענען די שטיקלעך פון דעם צעריסענעם בילד אַרויסגעפאַלען. דאָס ווײַב האָט זיי אויפגע־

הויבען און זיי בעטראַכט. אויף איין שטיקעל איז געווען נאָר איין אויג, וואָס האָט געקוקט רוהיג און אָהן שום פאָרוואורף.

— פון וועמעס בילד איז דאָס? האָט זי איהם געפרעגט.

ער איז דעמאָלסט שטאַרק רויט געוואָרען און אין האַלז האָט איהם עפּעס מאָדנע געוואָרגען, נאָר ענטפערען האָט ער געמוזט, אָבער אויף זיין ווייב האָט זיין ענטפער קיין שום איינדריק ניט געמאַכט, און איהם האָט דערפאַר אויך שטאַרק פערדראָסען אויף איהר; ער האָט געוואָלט, אַז די שוועסטער זאָל זיך פאַר איהר אין די אויגען נאָך אַמאָל צוכליפּען: „אויס־געביטען, אויסגעב ט ן האָסטו".

ווען ער האָט שוין אָנגעהויבען דרעמלען, האָט פּלוצים עמיץ אָנגעהויבען קלאַפּען אין אַ פענסטער פון דער צווייטער האַלבער שטוב. ער האָט אַ ציטער געטהון און אויפגעעפענט די פערשלאָפענע אויגען. שטילע קלעפּ האָבען זיך דאָרט פאַמעליך געשאָטען אויף אַ דינער, גלעזערנער שויב. די שויב האָט געציטערט מיט אַ שלעפריגען קול און עפּעס קאַלט בלוטיג אויסדערצעהלט דער נאַכט, און די נאַכט האָט געשוויגען און געהערט. נאָכדעם האָט זיך געהערט, ווי מען עפענט פאַמעליך די טהיר פונ'ם פינסטערען פאָרהויז און מען סור'ט זיך דאָרט שטיל דורך, ווי עמיץ געהט פונ'ם קאַרידאָר אַרויס און געהט באַלד צוריק אַריין.

— אָט אַ שד! האָט אַ מורמעל געטהון פונ'ם שלאָף איציק, זיך דורכגעוואָרפען און איהם עטוואָס צוגעקוועטשט צו דער וואַנד.

— ווער? האָט ער ביי איציק'ן געפרעגט.

— אַברהמ'ציק, האָט ווי פונ'ם שלאָף איציק געענטפערט, אלע נאַכט... און באַלד איז ער שוין געשלאָפען, און אין חדר האָט זיך שוין געהערט, ווי ער אָטעמט גלייך און פעסט.

— אַברהמ'ציק? ביינוש רובינשטיין האָט זיך ניט געגלויבט און זיינע טיפע און קליינע אויגען האָבען אין דער פינסטער געלויכטען מיט אַ שמייכעל פון ערשטוינונג. שפּעטער, ווען ס'איז פאַר איהם קלאָר געוואָרען, אַז אין דער צווייטער פינסטערער האַלבער זייט שטוב איז איצט פערהאַן אַברהמ'ציק מיט יענער יונגער און שענער גויע, וועלכע האָט זיך דאָ ניט לאַנג אַרומ־

געדרעהט און צוגעשטעלט בענקליך מיט פולע האַלבנאַקעטע הענד, האָט ער שוין געטראַכט, אַז דער זעלבער פעטער און תמיד שמייכלענדיגער אַברהמ'ציק האָט געלד, אַ רעזערוואואַר, אַ נייע שטוב מיט נייע מעבעל.

— אַ חזיר האָט דאָס אַ ביסעל פון עולם־הזה הנאה. ניט אומזיסט שמייכעלט ער.

ער האָט איהם ניט מקנא געווען, נאָר ס'האָט איהם גלאַט אַזוי פערדראָסען און ער האָט ליגענדיג אין בעט געביסען די נעגעל.

— פאַר וואָס קומט דאָס איהם?

און גאַנץ פריה, ווען ער האָט איציק'ן ביים וואָקזאַל בעגעגענט, האָט ער איהם אָבגעשטעלט און געזאָגט:

— אָט וועט איהר זעהען: אַברהמ'ציק וועט נאָך האָבען אַ שענע ווייב אויך — איציק האָט צום אָנהויב ניט פערשטאַנען וועגען וואָס ס'געהט. ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט און גלאַט אַזוי אויסגעשפיגען.

## III.

פיניע ליסאַק האָט זיך אַיינגעהויקערט, אַרומגעקוקט צו ס'קוקט איהם קיין מענש נאָך און שטילערהייד זיינע ביינער פון וואָקזאַל אָב געטראָגען. אויף דעם וואָקזאַל איז ער שוין סיי ווי סיי איבעריג געווען און גערעדט האָט ער שוין נישט מיט קיינעם און מורא געהאַט האָט ער שוין פאַר יעדען. אַ שטיק צייט האָבען די סוחרים טאַקע זיין פלטה ניט בעמערקט; מען האָט זיך אָבער צום סוף אומגעקוקט און זיך געוואונדערט:

— הערט אַ מעשה?!

— איך זעה איהם שוין אָבער טאַקע אַ שטיק צייט ניט — האָט זיך דאָס מאָל צום עולם צוגעשאַרט לוי פיווניאַק און געגעבען צו וויסען:

— וואָס, פיניע ליסאַק? ער געהט אַרום אין די הייזער.

אַ מזיק, אָט דער אַיינגעהויקערטער פיווניאַק; קיין זאַך איז פון זיינע נישט אויגען צוגעדעקט. און אַ מינע אַ וואונדערבאַרע בעווייזט ער נאָך דערצו, גלייך ווי ער וואָלט וועלן זאָגען:

— אַ בושה כ'רעבען, אַזאַ נאַרישקייט ניט צו וויסען.

און אַז דער נאַיווער עולם האָט זיך נאָך אַלץ ניט געגלויבט, האָט ער קאַלטבלוטיג די הענד אין די אַרבעל אַרײַנגעשטעקט, דעם קאָפּ פֿאַמעליך אויף דער ברוסט אַראָבגעלאָזט און, ניט קוקענדיג אויף קיינעם, אויפ'ן קול אויסגעשריען:

— נחום פּיאַטקע! וואו ביזטו ערגיץ!

האָט זיך צוגערוקט אַ רויטער יונגער מאַן מיט אַ רויטען קלייַענדיגען פּנים מיט אַ פֿערבונדענער באַק און שטאַרק בלאַסע ליפּען און עדות געזאָגט:

— מיין שוויגער אַליין האָט איהם אין אָדעם געזעהן; ער געהט אַרום אויף דעם לימאַן און זאָגט, אַז ער איז פֿון די קאַליבעלאָדער נשרפים.

דערמאָנט, האָט פּיוניאַק גלאַט אַזוי אַ הוסט געטהון און ניט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, פֿאַמעליך אַוועקגעשפּאַנט.

און די סוחרים זענען נאָך פֿערוואונדערטע געווען און מיט עטוואָס שמייכלענדע פּנים'ער זיך געקוקט אין די אויגען.

זיי האָבען שוין געגלויבט, געשוויגען און געקלערט וועגען ליסאַק'ס שוואַרצען אין אַבערגעשראָקענעם פּנים, וואָס בלאָנקעט ערגיץ אַרום ווייט, ווייט הינטער די פּלייצעס און פֿערקרימט זיך פֿאַר אָבגעברענטע ווייבער, וואָס שמירען זיך אַלע טאָג דאָס לייב מיט בלאָטע:

— פֿון די קאַליבעלאָדער נשרפים.

און נעבען זיי איז נאָך געשטאַנען דער רויטער יונגערמאַן מיט'ן קלייַענדיגען פּנים און שטאַרק בלאַסע ליפּען און זיך ערנסט געשוואָרען:

— זאָל איך אַזוי אַ גוט יאָהר האָבען...

ס'איז געווען מאָדנע אויף דער נשמה.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, ווען די צוגען זענען איינמאָל אָבגעגאַנגען און אויפ'ן וואָקזאַל האָט שוין דער עולם אָנגעהויבען קלענער ווערען, האָבען די סוחרים בעמערקט ליסאַק'ס ווייב. אַ שוואַנגערע און אַ גראָבע מיט גלאַטע געלע האָר און אויך אַזאַ גלאַטען און געלבליכען פּנים איז זי געשטאַנען מיט'ן פּנים צו דער וואַנד און שטיל, אָהן אַ קול אין אָהן לשון געוויינט. די סוחרים האָבען זיך אַרומגעדרעהט פֿון ווייטענס, געכאַפּט אַ קוק אויף

איהרע פּלייצעס, וואָס האָבען געציטערט, און זיך דערמאָנט, אַז ניט לאַנג האָבען איהרע האָר מיט פּערפום געשמעקט און אַליין איז זי געזעסען מיט ליסאַק'ן אין קליינעם קאַבינעט און זיך אין מסחר געמישט. זיי זענען טאַקע גערירט געוואָרען און איהר געמאַכט אַ נדבה. צענויפגענומען די נדבה האָט אַלי דערבאַרעמדיגער אַליין; ער האָט צו יעדען געשמייכעלט מיט זיינע גוטע אויגען און צו געגאַנגען מיט זיין דינעם, ווייבערשען קול:

— אויף אַזאַ זאַך דאַרף מען צומאַכען די אויגען און געבען. און סוחרים האָבען רחמים בעקומען און געגעבען.

ווען מען איז נאָכדעם אויך צו ביינוש רובינשטיין צוגעגאַנגען, האָט פּיוניאַק אַריינגערוקט די נאָז און צוגעמורמעלט:

— גיט, גיט, אי"ה ביי אייך, וועלען מיר אויך געבען.

דער עולם האָט הנאה געהאַט און געלאַכט, און ביי ביינושען האָבען די טיפע אויגען אַ ציטער געטהון און מיט אַמאָל צו לייכטען אַנגעהויבען.

דאַכט זיך, וואָס האָט צו איהם אָט די ברייטבערנדיגע און איינגעדריקערטע בריאה, ער האָט איהם קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געטהון. ער איז דער פּאַר אויף אַלע סוחרים אין בעס געווען, צוגעגאַנגען צו מאיר העכט, איהם אָנגעוויזען אויף ליסאַק'ס ווייב און איהם דערצעהלט:

— אָט דעם ווייבעלס מאַן האָבען זיי פּאַר אַ קבצן געמאַכט. איהם האָבען זיי קיין אָרעם נדבות בעטען משלח געווען און איהר מאַכען זיי דאָ אַ נדבה. ער האָט זיך מיט בעלײדיגטע אויגען אויף די סוחרים אומגעקוקט און אויף שטום־לשון געפרעגט ביי העכטען:

— גוט אַזוי, אַ?

העכט האָט געקוקט אויף דעם כליפּענדען ווייבעל מיט זיין אינטערגעהויבענעם פּנים, היבשער נאָז און צונומענע נאָזלעכער, די נאָזלעכער זענען ביי איהם תמיד אָנגעשטרענגט געווען, און דער פּנים תמיד אונטערגעהויבען, גלייך ווי עמיץ וואָלט איהם מיט גרויס ליעבע האַלטען פאַר זיין שוואַרצע און נאָר וואָס שפּראָצענדע בערדיל און וואָלט ביי איהם מיט ליעבע פרעגען:

— זאָג זשע נור, מיין קינד: וואָס האָסט דו היינט אין חדר געלערנט? ניט לאַנג איז ער פון טשערניגאָווער גובערניע

אַ פאַרטיעֶ קלײַעֶן קויפעֶן אַראָבגעקומעֶן. עֶר האָט מיט סוחרים קיין גרויסע אינטערעסעֶן געהאַט, האָבעֶן זיי איהם אַ נאָמעֶן געגעבעֶן „דעֶר יום טוב'דיגעֶר".

אֶפשר האָבעֶן זיי איהם דעֶם נאָמעֶן געגעבעֶן דעֶרפאַר, וואָס עֶר האָט תמיד אַ שוואַרצעֶן און נײַעֶם סורדוט געטראָגעֶן און גערעֶדט מיט גרויסע הפסקות און מיט אַ נגון פון פרק, ווי אַנ'עֶרליכעֶר יוד אום שבת, און אֶפשר גאָר דעֶר פאַר, וואָס זײַן דונקעֶלעֶר פנים איז זעֶלבסט יום טוב'דיג געוועֶן און מיט עֶפּעֶס וואָס, ווי זײַדעֶנס, גלאַטעֶס געוועֶן בעֶצויגעֶן.

אַ מאָדנעֶר נפש איז דעֶר העֶכט געוועֶן. עֶר האָט פײַנד געהאַט האַנדעֶל און סוחרים מיט אַלעֶ איידעֶלעֶ געפיהלעֶן פון זײַן האַרצעֶן און אַליין אַ סוחר געוועֶן.

געהאַט עֶרגעֶץ אַ ווײַבעֶלעֶ אין טשעֶרניגאָוועֶר גובעֶרניעֶ— אַ קלייניִנקעֶ און אַ שעֶנינקעֶ.

זי האָט איהם געשריבעֶן, אַז זי האָט איהם ליעב און עֶר האָט איהר געעֶנטפעֶרט, אַז קלײַעֶן „האַלט אַ מקח".

---

פון די בוימעֶר זעֶנעֶן געפאַלעֶן האַלב געלעֶ, האַלב פעֶרטריקעֶנטעֶ בלעֶטלעך. פאַלעֶנדיג האָבעֶן זיי זיך נאָך עֶטליכעֶ מאָל אין אויר איבערגעקעֶהרט, פאַמעֶליך אַרומגעשוועֶבט אין אַלעֶ זײַטעֶן פון דעֶר נאָהעֶנטעֶר לופט און סוף כל סוף ליגעֶן געבליבעֶן אויף דעֶם וואָקזאַל-פלאַץ, געפאַלעֶנעֶ און דעֶרשלאָגענדיג-פרעֶגעֶנדעֶ:

— איז אָט דאָס, הײַסט עֶס, דעֶר סוף?

ס'האָט זיי געעֶנטפעֶרט אַ קעֶהר פון אַ בעֶזעֶם מיט אַ בלאָז פון דעֶם קיהלעֶן, חושב'דיגעֶן בין-השמשות-ווינט. זיי האָבעֶן זיך אַוועֶקגעקײַקעֶלט עֶרגיץ ווײַט איבעֶר די רעֶלסעֶן, געפלויגעֶן פון איין אָרט אויף דעֶם צווײַטעֶן, און פון די האַלב נאַקעֶטעֶ בוימעֶר זעֶנעֶן אויף דעֶם וואָקזאַל-פלאַץ געפאַלעֶן נײַעֶ בלעֶטעֶר—און אויך אַזעֶלכעֶ האַלב-געלעֶ און האַלב-פעֶרטריקעֶנטעֶ.

טרויעֶריגעֶ פאַרנאַכטעֶן האָבעֶן זיך בײַם וואָקזאַל אָנגעהויבעֶן. די בריאים האָבעֶן זיך כלומר'שט געשעֶמט אויסזאָגעֶן, אַז זיי האָבעֶן פאַר די פאַרנאַכטעֶן מורא, און דאָך זעֶנעֶן זיי זיך אַלעֶ

פאר פחד פונ'ם וואקזאל פונאנדערגעלאפען, זיך ארייגעגעהאפט אין בעלויכטענע, ווארעמע שטיבעלעך און איבער געלאזט ביינוש רובינשטיין איינעם אליין.

זיי האבען זיך דארט רוהיג געטרונקען טהיי, פאמעליך געשמייכעלט צו די שטוב-מענשען, געהאלטען א קינד אויף די הענד. דערצו געצמאקעט, גערעדט, כדי דעם טרויער פון יענער זייט בעלויכטענעם פענסטער צו פערטרייבען, האט זיך דער טרויער פון דארט צום וואקזאל פערקליבען און דא פערשפרייט זיין מרה'שחורה'דיגע שליטה. צוזאמען מיט דער גלייכער רעלסען-שנור און הויכע סלופעס פון טעלעגראף האט ער זיך אלץ העכער און העכער אויף דער ערד געדראפעט און צוזאמען מיט זיי שטעקען געבליעבען אינ'ם ווייטען עק הימעל, וואס אין האריזאנט. די רעלסען מיט די סלופעס האט לאנגזאם איינגעשלינגען די אנקומענדע נאכט. און דער טרויער האט פון זיך די לעבעדיגע נאך א זכר געלאזט — א לאנגע שורה פון רויטע לאמטערענס, וואס האבען געציטערט און זיך געבוקט אהין, פון וואנען ס'איז געקראכען די נאכט. לאנגע משא-צוגען זענען ביי'ם וואקזאל געשטאנען, שווערע זענען זיי געווען און אויף עמיצ'ן ברוגז'ע. זיי האבען זיך פאמעליך און שווער צוריקגערוקט, דערהערט א פייף פון א אנגעפעלצטען און שלעפריגען קאנדוקטאר, און ווידער שטעהן געבליעבען ברוגז'ע און שווייגענדיגע. האט ביינוש רובינשטיין אויף די משא-צוגען געקוקט און געקלערט:

— אנגעפאקטע וואגאנעס, פון וועלכע סוחרים האבען הנאה געהאט, וואגאנעס מיט ברעטער און האלצווארג פון אברהמ'ציקס וועגען און פון וועגען פיעל אנדערע זאטע אברהמ'-ציקס, וואס געפינען זיך אויף ווייטע, אומעדיגע אין האלבשלא-פענדע וואקזאלען. מענשען האבען פונ'ם לעבען הנאה.

און נעבען איהם, אויפ'ן ליידיגען וואקזאל-פלאץ האבען נאך ארומגעשפאנט ישראל-זאזאלי — א רויטער אנגעשטאפט-ריי-בער דארפס-יודעל און ניט ווייט פון איהם—דער איינציגער פערשפעטיגטער וואקזאל-גימנאזיסט. זאזאלי האט פערטראכטערהייד גערעדט מיט זיך, ווי מיט א זייטיגען און זיך אליין אפט מכבד געווען מיט א ווארעמען „רוח אין טאטען”. און דער גימנאזיסט האט נאך אלץ הארציג געטענה'ט מיט דעם שענעם מעדעל,

וואָס האָט אויף דעם וואָקזאַל ביכער און בלעטער פערקויפט.
אֶפשר האָט ער איהר דאָס דערצעהלט, פאַר וואָס ער איז ביז
אזא שפּעטער צייט אויף דעם וואָקזאַל געבליבען און איהר
געוואָלט איינרעדען, אַז זי מעג איהם ליעב האָבען, ניט
קוקענדיג אויף זיין פערריסענע נאָז, אומגעלומפּערטע הויך און
גרויסע, גלעזערנע אויגען. —

ס'איז געוועזען אומעדיג צו הערען.

האָט ביינוש געפּרובט אין אַ ביכעל אַריינקוקען, איז נאָך
אומעטיגער געוואָרען. אַמאָל האָט ער געקאָנט גאַנצע טעג
אַריינקוקען און לערנען, און היינט...

עפענט ער נאָר אַ ביכעל אויף, אַזוי דערמאָנט ער זיך אָן
די יונגעלשע יאָהרען, אָן דעם, וואָס זיין ערשטע ווייב האָט
ליעב געהאַט צו אָנשפּאַרען איהר קאָפּ אויף זיין אַקסעל, פערמאַכען די אויגען און שווייגען, שווייגען... און אַלעס קריכט,
קריכט-צו, ביז דער נייער משונה'דיג קראַנקער ווייב מיט דער
גראָבער שוויגער. ס'דוכט זיך, אַז זי רעדט דאָ גאָר נאָהענט
מיט איהר פאַלשען קול:

— זעה נאָר: ביינוש איז געקומען? געה, טאָכטער,
גיעב איהם טהיי.

וויל ער אויף צו להכעיס ווענען זיי ניט טראַכטען און
שפּאַנט פּאַמעליך אַוועק צו מאיר העכט.

מאיר העכט האָט אויך אַמאָל פיעל געלערענט און געלייענט,
און היינט רויכערט ער פּאַפּיראָסען און טראַכט.

— דאָס לעבען, זאָגט ער, איז מעהר אינטערעסאַנט פאַר
יעדען בוך. און דאָס פּנים זיינס, דאָס דונקעל-זיידענס און
אונטערגעהויבענס איז דעמאָלסט אַזוי ערנסט און שטאָלץ און
די אויגען זיינע זענען דעמאָלסט גרויס, שטאַרק גרויס.

און אַ וואונדערבאַרע און אַלטע מעשה דערצעהלט ער
דעמאָלסט — זי מעשה מיט אַ פויפס, וועלכער האָט אויף דער
נאַטור אָנגעוויזען און געזאָגט:

— אַט דאָס זענען מיינע ביכער.

האָט זיך ביינוש איינמאָל דערמאָנט אָן זיין אייגענעם
לעבען: — אַ אָרעם אַ שוואַרץ לעבען. און פאַר אַ האַלבען קבצן
האָט דאָס איהם שוין געמאַכט, און מענשען וועלען שוין

באַלד חזק מאַכען פון איהם. ער האָט אַ ביטערען שמייכעל געטהון:

— נו, און מיין לעבען, אַ?

וועגען ביי מאיר העכט די אויגען נאָך גרעסער געוואָרען און נאָך מעהר גלאַנצען אָנגעהויבען:

— און אייער לעבען — האָט ער, רויכערנדיג דעם פאַפּיראָס, צו איהם מיט'ן קאָפּ געשאָקעלט — און יעדען מענשענ'ס לעבען. האַ האַ... גוט איז געווען אַזוי צו קלערען איהם — העכט'ן. געלד האָט ער נישקשה'דיג פערדיענט און אַ ווייבעלע האָט ער געהאַט אַ לעבעדיגע, אַ קליינינקע און אַ שענינקע. ווען זי איז צו איהם איינמאָל אויף עטליכע טעג אַראָבגעקומען, האָט זי צו איהם די גאַנצע צייט געשמייכעלט מיט איהרע בלויע און פריילי‌כע אויגעלעך און געשפּיעלט מיט איהם אין „פאַטשערלעך". ער האָט יעדעם מאָל איהרע קליינע אויפגעבלאָזענע הענדטליך אָנגעפּאַטשט אַזוי שטאַרק, אַז זיי זענען העליש־רויט געוואָרען און זי האָט, אַוועקלויפענדיג פון איהם, געשריען:

— געה, כ'האָב דיך שוין פיינד.

זי האָט מיט איהם אויך אַלע אָבענד ביים וואָקזאַל אַרום געשפּאַצירט, אַריינגעקוקט מיט קוועלענדע אויגען אין זיין דונקעל זיידענעם פּנים, און איהם אַלץ דערצעהלט וואונדערבאַרע און מאָדנע פריילי‌כע מעשה'ליך, וואָס האָבען זיך אָבגעטהון אַלץ דאָרט — אין טשערניגאָווער גובערניע.

חברה האָבען פון איהר קיין אויג ניט אַראָבגענומען און זיך פאַר קנאה געווערטילט:

— אַ קליינס און אַ שענס...

— אַ?!...

און אַברהמ'ציק איז דאַמאָלס אַלע טאָג אין זיין נייעם קאָסטיום צום וואָקזאַל געקומען.

פּיוניאַק האָט איהם אַפילו איינמאָל אָבגעשטעלט און אויסגעשריען אין דער הויך:

— גוט יום־טוב אייך, ר' אַברהמ'ציק!

האָט ער צו פּיוניאַק'ען מיט זיין זאַטען און פוילען שמייכעל געקוקט און אָנגעוויזען אויף העכט'ס ווייבעל.

— ווילסט אויך אַזעלכע? — האָבען צו איהם פּיוניאַק'ס זערטילדיגע אויגען געוואונקען.

און איהם, בּיינוש'ן, האָט זיך שטאַרק געוואָלט צו געהן צו אַברהם'ציקען און זאָגען:

— העכט'ן קומט אַזאַ ווייבעל, פערשטעהסט? ער איז אַ יונגערמאַן מיט מעלות, אָבער דו, גראָבער חזיר...

ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט אָן אַברהם'ציקס טרפה'נע הצלחה אין אָנגעהויבען צו בּייסען די נעגעל.

ס'איז שוין פאַר איהם אַלעס קלאָר געוועזען.

אַלע וועלען לעבען גליקליך און שען און נאָר ער... ער האָט אין נאָהענטיין שטעדטיל אַ שטוב, אויף דער טהיר פון וועלכע ס'הייגגט אַ שלעסעל. ער האָט דאָרט אויך אַ משונה'דיגע קראַנקע ווייב, וואָס שרייבט, אַז זי איז אַ געזונד אַ ניט געזונד, אַז ניט לאַנג איז זי פון עפּעס אַראָב געפאַלען, זיך געטהון אַ שטאַרקען קלאַפּ און צוּבראָכען די גרויסע פאַרצעליינענע וואַזע.

און די געשעפטען זיינע... די געשעפטען?!

---

ס'האָט זיך געצויגען דער לאַנגזאַמער הערבסט. קורצע און דונקעלע טעג אָהן זונען און אָהן הימלען, לאַנגע מעת־לעת'דיגע רעגענס מיט פרישע און שווארצע שבת־בראשית'דיגע בלאָטעס. די וואָקזאַל־בעלי־עגלות האָבען דאָס אַביסעל טרחא געהאַט — געהאַלטען אין איין בינדען די האַרטע פערדישע ווייִדלען, זיך געהיטט אין גראָבע און נאַסע רעדנעס, און מורא געהאַט פאַר די פינסטערע נעכט, ווי פאַר'ן מלאך המות.

— אונמעגליך צו פאָהרען — האָבען זיי, שמייסענדיג די פערד, געזיפצט, האַטש נעהם אַרויס די אויגען. וויאָה!...

דאָרט אין יענע שטעדטליך, וואוהין זיי האָבען די פאַר־שוינען געפיהרט, זענען שוין יונגעלעך געגאַנגען בּיי נאַכט אין חדר, בעלויכטען מיט זייערע לאַמטערענדליך די אויסגעקנעטע־נע בלאָטע און זיך פאַר פריילִיכקייט צו־געזונגען:

„הנה לא ינום ולא יִשן שומר ישראל"...

און דאָ האָט דער נעבעל דעם דונקעל בעלויכטעטענעם און שטאַרק אָבגעוואַשענעם וואָקזאַל געשלונגען און איהם אָבגעזונדערט פון דער גאַנצער געגענד.

די דורכפאָהרענדע זענען אויך וועניגער געוואָרען און ביינוש'ן איז געווען שרעקליך אומעטיג.

מאיר העכט איז אויף אַ פּאָר וואָכען פון'ם וואָקזאַל אָבגעפאָהרען; אַברהמ'ציק האָט שוין ערגיץ אַ שענע כלה געהאַט און זיך בעריהמט, אַז שבת חנוכה וועט ביי איהם די חתונה זיין. און איציק? אַ מאָרגעם לעבען האָט ער דאָ געפיהרט. אַ איינזאַמעם און אונבעוואוסטזיניגעם, ווי אונבעוואוסטזיניג ס'איז געווען זיין לעבען אין יענע גרויסע און וויטע שטעדט, פון וועלכע ער איז צום וואָקזאַל אַראָבגעקומען. דעם גאַנצען טאָג איז ער ביים וואָקזאַל פערנומען געווען, און פאַרנאַכט האָט ער אַ גראָבען שטעקען אין האַנד גענומען, און ניט אויסרעדענדיג צו קיינעם אַ וואָרט, פּאַמעליך אַוועק געשפּאַנט אין יענעם צעשפּריי־טען דאָרף, וואָס האָט זיך געדראַפּעט, אויף זיינע צוויי שכנישע בערג. צו וועמען איז ער דאָרט געגאַנגען? קיין יודען האָבען דאָך דאָרט ניט געוואוינט, חוץ חיים מענדעל מאַרגוליס, דער פּאָסעסאָר, וואָס האָט געהאַט אַ פּריצי'שען פּנים מיט פּריצישע מאַניערען און בעוואוינט דעם גרויסען און שענעם פּריצי'שען הויף.

IV.

אין איין פראָסטיגען און וואָלקענדיגען בין־השמשות האָבען די וואָקזאַל־לייט בעמערקט אַברהמ'ציק'ן בשעת ער איז אָנגעקומען מיט אַ לאַנגען פּאַפּאַזשיר צוג. זיי האָבען מיט אַמאָל בעקומען שטאַרק נייגעריגע פּנים'ער, זיך אַרומגעשטעלט אַרום איהם און געשלעפּט דער פּאַר די פּלייצעס און דער פּאַר די הענד.

— נו, אַברהמ'ציק, וואו איז זי?

מען האָט איהם געשטופּט און געשליידערט פון איינעם

צום צווייטען. ער האט געהאלטען א פעקיל אין האנד, געשמייכעלט און געשריען:

— זעה נאר, ווי ס'חאפט זיי דער רוח אוועק?! ווארט, האט צייט... באלד אבער האבען זיך די סוחרים ארומגעקוקט און מיט אמאל שטיל געבליבען.

א מיטעל־וואוקסיגע און גלייכע מעדעל איז געשטאנען נעבען אברהמ'ציק'ן און אהן ווערטער ביי זיי געפרעגט:

— איז דאס, הייסט עס, זענט איהר וואקזאל־סוחרים?

זי האט געהאט א איידעלען שווארצחנ'דיגען פנים און אויגען שווארצע און קלוגע, וואס האבען געלייכטען און געטוב'לט זיך אין טרוימען.

דאס איז געווען „זי" — אברהמ'ציק'ס ווייבעל.

יונגווארג איז טאקע דערפאר רויט געווארען און עלטערע האבען זיך הינטען ארום געקנייפט. ס'האט זיך געמאכט א קניפ איז פערבלאנדזעט געווארען צו אברהמ'ציק'ן, האט ער שיער ניט א געשריי געטהון, זיך ארומגעקוקט און ניט געוואוסט וועמען דארף ער פאר דעם קניפ אבדאנקען: ביי אלע סוחרים זענען די פנים'ער גיווען ערנסטע און לייטישע, און די אויגען זייערע האבען עפעס מאדנע געפינקעלט. זיי האבען זיך, א פנים, ניט אינגאנצען גוט געפיהלט.

האט זיי אברהמ'ציק דערפאר נעוואלט ווייזען, אז ער איז מיט איהר גאר היימיש, זי געגומען אונטער'ן האנד און מיט איהר אוועקגעשפאנט א היים צום רעזערוואואר.

די סוחרים זענען, ווי פון עפעס וואס נצול געווארען און נאכגעקוקט די אבגעהענדע מיט פריילינבע און ווערטעלדיגע פנים'ער.

דער ערשטער איז פון זיין ערנסטקייט און ארטיגקייט בעפרייט געווארען לוי פיווניאק, ער האט פערלעגט די הענד אין די ארבעל און געזאגט זיין מיינונג:

— ניט שטארק שען, אבער כלל ניט מיאוס. און א פאר אויגלעך.

האט זיך באלד נאך עמיץ ארויסגעהאפט:

— און א פאר...

האבען איבער דעם לעצטען ווארט אציטער געטהון די סוחר'ישע מוחות און מיט אמאל פערטומעלט געווארען:

— דוקא אַ אײדעלע, נאָר...

— אַ?

— װאָס זאָגסטו?

כ'װען האָט שױן גערעדט מיט האַלבע װערטער, מיט װאונקען און תנועות פון פינגער, און הונגעריגע מוחות זענען שױן שכור געװען און שױן געװעבט אין דער פינסטער דאָס, װאָס די װאונקען מיט די תנועות האָבען געמאָלט.

— װאַרט צו.

ס'האָט גערעדט אַ הױכער און געזונדער קאָמיסיאָנער מיט אַ פעטען רױט-נאַרישען פנים און גרױסע פערדרעהטע װאָנצען. נאַ־יש איז זײַן פנים געװען דוקא אױף דעם אָרט, װאו ס'האָבען דאָס בעדעקט די שװאַרצע און פערדרעהטע װאָנצען, דערפאַר האָבען דאָס פרעמדע מענשען ניט באַלד בעמערקט און געפיהלט אַ טעמ-פען פחד פאַר זײַן הױכקײט און געזונדקײט. אין דעם משך פון זײַן פוסטען לעבען האָט ער פיעל אינטריגעס געהאַט מיט אױך אַזעלכע געזונדע און נאַרישע װײַבלעך, איז ער דערפאַר שטענדיג געװען שטאָלץ און זיכער.

ס'איז איהם געפעלען אַברהמ'ציק'ס שענע װײַבעל, האָט ער זיך בעריהמט, אַז ער װעט געשװינד מיט איהר אַ אינטריגע פערפיהרען. און די סוחרים האָבען איהם געגלױבט און מקנא געװען.

אין אַ פאָר שעה אַרום איז אַברהמ'ציק שױן װידער בײַם װאָקזאַל געװען. די װאָקזאַל-לײַט האָבען איהם שױן װידער אײנער צום צװײטען געשלײַדערט, און ער האָט געשמײַכעלט און שױן געענטפערט אױף יעדער קניפּ און שטורך.

אין דער פינסטער האָט אײנער — נאָך גאָר אַ יונגער מיט װײַכען מאָך אױף דעם אָרט פון װאָנצען געטהון אַ הוסט און אַנ'אַנדערער — אַ עלטערער און אַ גרױסער „בקי" האָט אױסגעשריען אױפ'ן קול:

— כ'האָב פײַנד אַ אײדעלע נקבה, פערשטעהסטו?

דער עולם האָט זיך מיט אַ מאָל צולאַכט, און צוזאַמען מיט איהם האָט שױן געלאַכט אַברהמ'ציק אַלײן, גלײַך װי די אײדעלע און חנ'ודיגע נקבה, װעגען װעלכער מען האָט זיך דאָ געװערטעלט, װאָלט מיט איהם ניט מעהר שײַכות געהאַט, װי

מיט די איבעריגע, און אויף דעם וואָקזאַל וואָלט זי אַראָפּגעבראַכט ניט ער, נאָר גאָר אַ צווייטער, זייטיגער און פרעמדער, וועלכער איז שוין דאָ איצט ניט געווען. עמיץ האָט איהם דערפאַר פריינדליך אַ קלאַפּ געטהון אין די פּלייצעס; צווישען קלאַפּערייען און רעש פון׳ם אָבגעהענדיגען משא־צוג האָט זיך געהערט אַ צוגעוואָרגענער „מאַלאַדיעץ״ און זיך איבערגעחז׳רט ערגיץ הויך און וויים:

— מאַלאַדיעץ! מאַראַדיעץ!

דעמאָלסט האָט זיך בּיינוש רובינשטיין דערמאַנט אָן יענער שענער גוי׳ע, צו וועלכער אַברהם׳־ציק האָט איינמאָל בּיינאַכט אין פענסטער געקלאַפּט. זיינע אויגען האָבען שוין געלויכטען און מיט כּעס געפרעגט:

— האָב איך דען פריהער ניט געוואוסט?

און נעבען איהם איז נאָך עמיץ געשטאַנען, געשאָקעלט צו איהם מיט׳ן קאָפּ און זיך געוואונדערט:

— אזא שענע, אַ?

און אַ צווייטער האָט זיין שטערען שטאַרק פערקנייצט און צו פערשטעהן געגעבען:

— שוטה, טאָ וואָסושע איז דאָ דער חדוש?

די אויפגערודערטע וואָקזאַל־לייט האָבען געפּילדערט. זיי האָבען זיך געשטופּט, געשליידערט און געשלעפּט אַברהם׳־ציק׳ן צו דעם בּעלויכטענעם צווייטען קלאַס, אַ הין, וואו בּיים, אָנגעשטעלטען מיט פלעשליך, טיש איז נאָך געשטאַנען דער אָנגעבּרוגז׳טער טאַטער און נאָך געהאַלטען זיין האַנד בּיי איין גרין פלעשעל.

קליינע און מיאוסע זענען זיי געווען און ער איז, ווי איינער פון זיי, קליין און מיאוס געווען. ס׳איז ניט געווען וואוהין פון׳ם וואָקזאַל אוועקצוגעהן, איז ער דאָ געשטאַנען, געהערט פּיוויאַקס ווערטעלדיגען קול מיט יענעם צווייטען קול, וואָס שאַצט אָב אין געלד די לאַנגע פערשכּורטע נאַכט, וואָס שטעהט פאַר׳ן זאַטען אַברהם׳־ציק׳ן, און שרייט צו איהם:

— ס׳קומט, ס׳קומט פון דיר, אַברהם׳־ציק.

ס'איז שוין אויף דעם וואקזאל-פלאץ געווען קאלט און פוסט. נאר אין איינעם פון זיינע שטארק פינסטערע עקען זענען נאך עטליכע אויסגעטרונקענע סוחרים געשטאנען און צווישען זיי — צווי, וועלכע האבען זיך געקריגט פאר א מכירה ביי א פריץ.

פון דארט האט דער קאלטער ווינט אלע מאל געבראכט אבגעריסענע סוחר'ישע קולות און זיי צושפרייט אין פערשידענע עקען פונ'ם פינסטערען און קאלטען אויר:

— הלואי זאלסטו חאטש האלב פערקרענקען, וויפיעל דו האסט מיר קאליע געמאכט.

אלאנגע שורה פון אנגעצונדענע לאמטערנס זענען געווען שווייגענדע עדות פון דער קללה. אין יעדען פון זיי האט פאמעליך געציטערט דער קליינער פלאם, זיך געניינט און געשאקעלט, ווי קליינע טענשליכע קעפ, גלייך ווי יענער אונבעוואוסטער, וואס אין דער פינסטער, וואלט ביי זיי גובה עדות זיין און זיי וואלטען איהם ענטפערען:

— געהערט, געהערט.

עמיץ איז פון יענעם שטארק פינסטערען עק ארויסגעקראכען, זיך אין דער פינסטער איינגעהויקערט און פערקרימט און נאך פון ווייטענס אויסגעשטרעקט די האנד נאך א נדבה. נאר ביינוש האט איהם קיין נדבה נישט געגעבען און זיך אוועקגעדרעהט אן א זייט און שוין בשעת מעשה געפיהלט, ווי ס'רייצט זיך מיט איהם עמיץ א שטארק שלעכטער און פערעקשנ'טער:

— גיעב יא, גיעב ניט, סיי ווי סיי וועסטו, ביינוש, זיין א קבצן.

ער האט געביסען די נעגעל און פאמעליך אוועקגעשפאנט פונ'ם וואקזאל. מורא'דיגע געדאנקען האבען איהם געפרעסט דעם מוח:

ער וועט זיין א קבצן, אזא מרה־שחורה'דיגער און איבערגעשראקענער קבצן, ווי פיניע ליסאק. די וואקזאל-לייט וועלען לאכען פון איהם אזוי, ווי זיי לאכען פון ליסאק'ן. ער וועט שוין דא ניט זיין. ער וועט זיך וואלגערען ערגיץ א אבגעריסענער מרה־שחורה'דיגער און פאר כעס־משוגע'נער, און דער אלטער און רויטער וואקזאל וועט נאך שטעהן אויף דעם זעלבען ארט, קוקען מיט זיינע פערגלייווערטע און האלב אפענע אויגען

אויף די אָנקומענדע און אָבגעהענדע צוגען, אויף די בעשעפטיגטע און פרײליכע סוחרים.

אַרום איז געוואַקסען דאָס פינסטערניש. אַ שוואַרצע און אַ טיעפע האָט זי אָנגעפילט דעם קאַלטען אַויר, צוגעדעקט די פערוואָלקענטע הימלען און אַײנגעשלונגען די הײַזער, די בוימער און רעלסען. פון יענער זײַט פינסטערניש האָט ערגיץ געפרובט אַ פײַף טהון אײנער פון די רעזערוו-לאָקאָמאָטיווען, זיך אין דער מיט איבערגעריסען און באַלד אַנטשוויגען געוואָרען מיט אַ שווערען און הײזעריגען זיפץ. דעם זיפץ האָט באַלד אונטערגעכאַפּט דער קאַלטער ווינט, איהם פערטראָגען אין קלײנעם ווערדעל, וואָס אין דרום-זײַט וואָקזאַל און דאָרט אויפגערודערט די נאַכט-שטילקײט, וואָס צווישען די דרימעלדיגע און אָבגעפאַלענע בוימער.

אויף אַ רגע האָט זיך ניט ווילענדיג אויפגעכאַפּט דאָס ווערדעל, אַרײנגעוואָרפען אַ ניט-ווילענדיגען בליק אין דער טיעפקײט פון דער שוואַרצער נאַכט און באַלד וויעדער אַײנגעשלאָפען מיט אַ שטאַרקען און טיעפען שלאָף, אַזוי אַז ער האָט שוין ניט געפיהלט, ווי איבער דעם קאַלטען ווינט שאָקעלט ער זיך אינגאַנצען, נויגט זיך און קניעט מיט אַלע זײַנע געדיכטע און נאַקעטע בוימער.

רובינשטײן האָט נאָך אַלץ געשפּאַנט פּאַמעליך און פערטראַכט און דאָך האָט ער אין יעדער רגע געדענקט, אַז דאָס שפּאַנט ער — בײנוש רובינשטײן, וועלכער טרינקט זיך און געהט צום גרונד מיט זײַן גאַנצען פערמעגען—און לעבען; וועלכער איז שוין 3 מאָנאַטען ניט געווען אין דערהײם, ניט געזעהן דאָס ווײַב און ניט גערעדט מיט איהר.

אין דער פינסטערניש, וואָס הינטער די פלײצעס, האָט געהודעט דער גרויסער וואָקזאַל-גלאָק. ער האָט דאָרט מלחמה געהאַלטען מיט'ן ווינט און דערצעהלט פּאַמעליך און קאַלטבלוטיג וועגען אַ לאַנגען צוג, וואָס רוקט זיך שוין ערגיץ שנעל און שנײַדט דורך די פינסטערע נאַכט. ווי אַ ענטפער אויף דער ערצעהלונג זענען פון דער פינסטערניש באַלד אַרויסגעקראָכען צוויי וואוקסיגע, אָנגעפּעלצטע און ניט קײן אויסגעשלאָפענע קאָנדוקטאָרען. בײַ בײדע האָבען הינטער די אָרעמס געציטערט די רויט-גרינע לאַמטערנעס און בײדע האָבען געשוויגען און

געפיהלט, ווי ס'פּאַטשט זיי אין פּנים דער ווינט. דאָס פינסטערניש, וואָס אַנטקעגען האָט אויסגעזעהען צו פריידען צו זיין דערמיט, וואָס די צוויי אונרוהיגע און וואוקסיגע ברואים זענען שוין ענדליך פון איהר אַרויסגעקראָכען; זי איז דערפאַר שטאַרקער און טיעפער געוואָרען. אויסגעלאָשענע וואָקזאַל שטיבלעך, אָבגעבליאַקעוועטע און ווי קברים טרויעריגע, זענען דאָרט אין אַ לאַנגע שורה געשטאַנען. דרימלען האָבען די שטיבלעך געוואָלט, דרימלען גרינג און רוהיג, ווי גרינג און רוהיג ס'האָבען אין זיי געדרימעלט די אָנגעהאָרעוועטע ברואים, — האָט זיי אָבער דער קאַלטער ווינד געוועקט.

ס'איז איהם איינעם אַליין אומעדיג געווען. נאָר דאָרט אין דער לינקער זייט פון דער פינסטערניש, וואו קיין געביידע חוץ דעם רעזערוואואַר איז שוין ניט געווען, איז אָבגעזונדערט און פערטראַכט געשטאַנען אַבּרהמ'ציק'ס שענע און בעלויכטענע שטוב, און ווי געפיהלט, אַז וויים הינטער איהר שטייענער און בלינדע וואַנד ליעגט די שוואַרצע און קאַלטע נאַכט. ציהט זיך איבער'ן גרויסען שטח פון פערפרוירענע פעלדער, פערטריקענטע טהאָלען און נאַקעטע בערג. רובינשטיין האָט זיך אַרומגעדרעהט בייַ דער שטוב און זי בעטראַכט:

— אַ שענע שטוב. אַ קליינע און אַ שענע.

אַ שמאָלער שיין האָט זיך דורכגעשלאָגען דורך די אויסווענינגסטע לאָדען פון די ערשטע דריי פענסטער. די לאָדען פון די איבריגע צוויי פענסטער זענען געווען אָפען. ס'איז דאָרט געווען פינסטער. נאָר פּלוצים האָט די פינסטערע נאַכט אַ ציטער געטהון און די פענסטער זענען מיט אַמאָל בעלויכטען געוואָרען. ער האָט דאָרט דערזעהן אַבּרהמ'ציק'ס ווייבעל. אַ אָנגעצונדענע ליכט האָט זי אין האַנד געהאַלטען. שווייגענדיג און ברוגז'דיג האָבען אויף איהר געקוקט צוויי בעטען, צוויי שאַפעס און טישלעך. זי האָט עטוואָס פאָראויס אויסגעצויגען איהר גלייכען קערפער און דאָס מעבעל בעטראַכט. נאָכדעם האָט זי זיך פאַר עפּעס וואָס דערשראָקען און זיך מיט אַמאָל אַ חאַפּ געטהון צוריק. די ליכט איז פון איהר האַנד אַרויסגעפאַלען און פערלאָשען געוואָרען. ס'איז אין חדר וויעדער פינסטער געוואָרען. בײַנויש האָט געפיהלט, ווי ס'קלאַפּט בײַ איהם דאָס האַרץ:

— אַרײַנגעהן ? האָט ער געקלערט.

און באַלד האָט ער זיך פֿערשעמט פֿאַר דער מחשבה און זיך פֿערענטפֿערט:

— זי האָט זיך דאָך איבערגעשראָקען.

אָפּשר האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז דאָרט צווישען די בעטען שטעהט עמיץ, שטעהט עמיץ אַ משונה'דיגער און שרעקליכער. און אָפּשר האָט זי זיך דערשראָקען פֿאַר די בעטען אַליין...

נאָר אין חדר איז שוין ווידער ליכטיג געוואָרען. זי איז דאָרט ווידער געשטאַנען בײַ דער טהיר מיט אַ ליכט אין האַנד, און מיט טיעפֿע און דערשראָקענע אויגען אַרײַנגעקוקט אין דער טיעפֿעניש פֿונ'ם חדר.

ער האָט געטראַכט:

— אַברהמ'ציק וועט באַלד קומען. ער וועט צו איהר שמײַכלען מיט זײַן פֿולען און זאַטען שמײַכעל, ווי ער האָט געשמײַכעלט צו יענער שענער גוי'ע, וואָס האָט פֿולע, האַלבּ-נאַקעטע הענד.

---

ער האָט זיך דאָ אַרומגעדרעהט אַלע אויפֿדערנאַכט.

פֿינסטערע און קאַלטע זענען די נעכט געווען און מיט איינזאַמקייט האָבען זיי געשמעקט, און דער ווינט האָט אין זיי די אויסגעלאָשענע וואָקזאַל-הײַזער פֿונ'ם שלאָף געוועקט. דאַכט זיך, וואָס האָט ער אין אַזעלכע אויפֿדערנאַכטען געדאַרפֿט אין דעם פֿינסטערניש, וואָס נעבען אַברהמ'ציקס שטיבעל?

ער האָט ניט געהאַט וואוהין צו געהן, איז ער אַרומגעגאַנגען דאָ און געטראַכט:

— אַברהמ'ציק איז אַ גראָבער חזיר. ער ווייסט דען ווי גוט איהם איז?

ס'האָט זיך געמאַכט, אַז אַברהמ'ציק איז זיך שפּעט אויף דעם וואָקזאַל פֿערזעסען, און די פֿענסטער-לאָדען זענען ניט צוגעמאַכט געווען, האָט ער דענסטמאָל דורך די בעלויכטענע פֿענסטער געזעהן: אַ מיטעלוואוקסיגער, גלײַכער און שענער פּרויענקערפּער מיט שוואַרצע און טיעפֿע אויגען. וואָס האָבען צײַטענווײַז געשמײַכעלט צום פֿויערשען דיענסט-

מעדעל. און דארט אויף דעם וואקזאל איז געזעסען אברהמ'ציק און געשפּיעלט מיט די סוחרים אין קארטען און גענומען א ביסעל משקה ביים אנגעברוגז'טען טאטער.

ווען ער האט איהם דארט בעגעגענט, האט ער איהם געשלעפּט פאר'ן האנד.

— קומט, ביינוש, וואס מאכט דאס אויס?

אברהמ'ציק האט איהם געקיצעלט און צו איהם גע־שמייכעלט און ער האט געטראכט:

— פאר וואס קומט דאס אלץ אברהמציק'ן?

ער איז דענסטמאל צום וואקזאל צוגעגאנגען און דארט אויסגעטרונקען עטליכע פלעשער ביער. ער האט ניט געקענט טרינקען, האט זיך ביי איהם אפילו פון ביער געדרעהט דער קאפּ, דער מוח האט געשווינדער געארבייט און די אויגען האבען מיט מעהר שנאה צו די סוחרים און צו אברהמ'ציק'ן געלויכ־טען. ער האט געקוקט אויף דעם טאטער, וואס האט איהם דאס ביער אין גלאז אנגעגאסען און געפרעגט ביי איהם:

— די סוחרים שפּיעלען אין קארטען? א?

דער טאטער האט זיך צו איהם עטוואס צוגעבויגען און איהם, ווי אבגעגעבען א ראפּארט פון א ערנסטע שליחות:

— יא, זיי שפּיעלען אין מאנסבילשען חדר.

ער האט אפּנים געקלערט, אז ער — ביינוש רובינשטיין, וויל אויך אין קארטען שפּיעלען און זוכט זיי — די סוחרים, וואס שפּיעלען אין מאנסבילשען חדר. א גראבען קאפּ האט דער טאטער געהאט. ביינוש האט מיט אמאל א גאנצע גלאז ביער אויסגעטרונקען און איהם צו פערשטעהן געגעבען:

— זיי קאנען איצטער איינער ביים צווייטען אין מסחר קיין געלד אויסנארען, די געשעפטען, פערשטעהסטו, זענען איצט געשלאגען, נארען זיי דאס אויס אין קארטען־שפּיעל.

ס'איז איהם אליין געפעלען געווארען דער נייער געדאנק האט ער צום טאטער א שמייכעל געטהון:

— א סוחר, אז ער קען קיין געלד נישט אויסנארען, קאן ער ניט לעבען. פערשטעהסט?... אט איז למשל איך...

נאר דער טאטער האט נאך אלץ גאר ניט פערשטאנען און זעהר שלעכט האט ער זיך איבער זיינע לעצטע ווערטער

געפֿיהלט. בײַנוש האָט גלײַך אין זײַן שוואַרצען פּנים געקוקט און געזעהן: זײַנע אויגען האָבען מאָדנע געפֿינקעלט, און די אונטערשטע פּולע ליפּ האָט זיך אַלע מאָל אַראָבגעלאָזט און צוגעמאַכט.

— עט!

ער האָט אויף איהם מיט'ן האַנט אָװעקגעמאַכט און איז אַרויסגעגאַנגען פֿונ'ם װאָקזאַל. אַ קאַלטע חוואַליע האָט איהם מיט אַ מאָל אַרומגענומען.

װעגען קראַפּט און מאַכט האָט זיך דער פּראָסטיגער װינט מיט דער נאַכט געסוד'ט, און די טיעפֿע פֿינסטערניש האָט דעם סוד אין זיך געשלונגען און געשוויגען. ער איז געגאַנגען און געטראַכט:

— אַט, למשל, איך...

פֿונ'ם אויסגעטרונקענעם ביער האָט זיך איהם געדרעהט דער קאָפּ; אומעדיגע און פֿרײַליכע געדאַנקען האָבען זיך אין איהם געפּלאָנטערט, און דאָס האַרץ האָט די געדאַנקען געפֿיהלט און איז אויך געװען אי פֿרײַליך, אי טרויעריג:

— ער, בײַניש רובינשטײַן, ס'איז איהם שלעכט, געװיס שלעכט... נאָר אַז מען װיל צוריק... סוחרים... שלומקע פּערעל, אליִ דער באַרעמדיגער, אַברהמ'ציק קױפּמאַן און זײ אַלע, װאָס זיצען אין מאַנסבילשען חדר. חי חי חי... זײ נאַרען תמיד אײנער דעם צװײטען... און ער, בײַנוש רובינשטײַן?... ער קאָן ניט אָבנאַרען, װעט ער עפּיס אײן אַנדער זאַך טהון... עסען מוז מען דאָך, לעבען, לעבען. װעט ער אַ מלמד װערען... אַ מלמד אין אַ דאָרף... חי חי...

ער האָט שוין האַלב געלאַכט, האַלב געװײנט:

— און דאָך פֿיהרט זיך אַלעס צום בעסטען... און פּיװניאַק האָט נחת און די שװיגער... און דאָס װײַב—פֿרומקע... אַ, אַ פֿרומקע?...

ער איז שוין װידער אַרומגעגאַנגען נעבען אַברהמ'ציק'ס שטוב, אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק, זיך צײַטענוױיז אָבגעשטעלט און אַרײַנגעקוקט אין פֿענסטער. װאָס האָט דאָרט בעדאַרפֿט ער — בײַנוש רובינשטײַן — דער מלמד, װאָס אין דאָרף? „זי” איז דאָרט געװען—װי רופֿט מען זי בײַם װאָקזאַל?

„קלאַרע״. זי איז געזעסען בײַם טיש מיט׳ן פּנים צום פֿענסטער און אין עפּיס װאָס אַרײַנגעקוקט. װאַרעם איז דאָרט, אין שטוב, געװען, שטיל. און אַרום איהם האָט געפּײַפט דער פֿראָסטיגער װינט, געבלאָזען מיט קעלט אין די פּלײצעס און אין אַקען.

ס׳זענען אין זײַנע אויגען טרעהרען געשטאַנען. אפשר דערפֿאַר װאָס ער האָט פֿון דער גרויסער פֿינסטערניש לאַנג אַרײַנגעקוקט אין איהר רוהיגען בעלויכטענעם פּנים. ער האָט געזעהן: זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט און עטװאָס אַרויסגעדרעהט די לאָמפּ. איהר דונקעלער און ערנסטער פּנים איז געװען אַזוי בעקאַנט און נאָהנט, נאָהנט. ער האָט געטראַכט:

— אָט דעם דונקעלען פּנים קאָן ער שוין פֿון לאַנג, פֿון לאַנג; און די שװאַרצע אויגען, װאָס קוקען ערנסט און קלוג, און איהר גאַנצען קערפּער געבוי, דעם דינעם און גרינגען — ער האָט זיי דאָך תמיד געזעהן און קען זיי נאָך פֿון קינדװײַז אָן. בררררר...

ס׳איז איהם געװען קאַלט. איהם — דעם מלמד, װאָס אין דאָרף. מיט די נידעריגע צוגעשװירענע באַקען און קלײנע אײַנגעגראָבענע אויגען. אַ קאַלטער שוידער האָט זיך הינטער די װאַרעמע קלײדער אַרונטערגעכאַפּט און דאָרט איבער די הײםפֿײַערדיגע פּלײצעס אַרומגעיאָגט; און דאָרט װאו זי זיצט איז דאָך אַזוי װאַרעם, שטיל און ציכטיג־רײן, איהר אַלײן איז דאָרט אַזוי אומעדיג, אומעדיג. פֿאַרװאָס זשע זאָל זאָל ער טאַקי ניט אַרײַנגעהען? אַ תּרוץ קאָן ער דאָך אויסטראַכטען, אַ תּרוץ, אַ תּרוץ...

ער איז שוין געשטאַנען אויף די גלײַכע שטײנערנע טרעפּליך, געהאַלטען די האַנד בײַם גלעקעל און געטראַכט:

— אַברהמ׳ציק. אַברהמ׳ציק איז אין דערהײם ניטאָ?

ער האָט אָנגעקלונגען און זיך דערשראָקען:

— אַ נאַרישקײט, אַ? געװיס אַ נאַרישקײט.

ס׳איז שוין געגען איהם געשטאַנען דאָס קלײנע פֿויערשע דינסטמעדעל. ער האָט געזעהן: איהרע האָר זענען צװאָרפּען געװען און די פֿיס באָרװיסע. ער איז שוין צוריק האַלבניכטער געװען און געקלערט:

— מ'דאַרף פרעגען צי אַברהמ'ציק איז ניטאָ און באַלד געהן צוריק. איז שוין אָבער אויף דער שוועל פונ'ם בעלויבטענעם חדר געשטאַנען זי — מיט'ן דונקעלען און חנ'ודיגען פנים און געקוקט אויף איהם מיט קלוגע און שוואַרצע אויגען. ער האָט געפיהלט, אַז ער ווערט רויט און קאָן ניט רעדען. אין קאָפּ האָבען זיך אַיילענדיג געדאַנקען געפּלאָנטערט און די אויגען האָבען געלויכטען און געציטערט יעדעס מאָל, ווען ער האָט אַרייַנגעקוקט אין איהר דונקעלען און ערנסטען פנים.

— קומט אַרייַן, זיצט, האָט זי געבעטען.

ער האָט זיך געזעצט געגען איהר ביים טיש און געטראַכט, אַז דער שמייכעל, וואָס אויף זייַן פנים איז אַ איבריגער, אַז ער האָט שוין פערגעסען צוליעב וואָס ער איז אין דער שטוב אַרייַנגעקומען.

און בשעת זי האָט גיפרעגט, צי ער דאַרף אַברהמ'ציקן האָבען, האָט זיך שוין דער שמייכעל איבער זייַן גאַנצען פנים פונאַנדערגעגאָסען. ער האָט, דאַכט זיך, שטאַרק ניט געוואָלט און שטאַרק אין זינען געהאַט די הענד אויף דעם טיש ניט פונאַנדערצולעגען און דאָך זענען זייַנע הענד פאָרט אויף דעם טיש אויסגעוואַקסען. ער איז געוואָרען שטאַרק רויט און געענטפערט:

— אַברהמ'ציק'ן? ניין, דוקא ניין.

און באַלד האָט ער דערפיהלט, אַז דער „דוקא" איז אַ איבעריגער און נאַרישער גיוועזן, געוואָלט פערבעסערען און געזאָגט:

— איך בין גלאַט אַזוי אַרייַנגעגאַנגען... איך בין פערביי דורכגעגאַנגען... איך בין אַ סוחר...

רעדענדיג האָט ער געפיהלט, אַז ער פערפּלאָנטערט זיך וואָס אַמאָל מעהר, אַז ער איז שטאַרק רויט, אַז ס'וואַרגט איהם זייַן האַלז. און זי איז געזעסען געגען איהם. זי האָט דעם קאָפּ אויף ביידע הענד אָנגעשפּאַרט און געקוקט אויף איהם ווי אַ קליין קינד, וואָס האָט זיך אָנגעהאָרעוועט. זי האָט איהם געפרעגט:

— אויף דעם וואָקזאַל זענען פיל סוחרים פערהאַן?

איהר קול האָט שטיל און פאַמעליך געקלונגען; ער האָט

זיך דערמאַנט אין אַ וויכטיגער זאַך און זיך, ווי פון עפּעס אויפגעכאַפּט:

— בין איך, הייסט דאָס, איינער פון די סוחרים...

ער האָט אַ ציטער געטהון און זיך דערשראָקען:

מאָרגען וועט לאַבען דער גאַנצער וואָקזאַל, ס'וועלען לאַבען אַלע סוחרים, קאָמיסיאָנערען און מעקלערס דערפאַר, וואָס צווישען זיי וועט שטעהן אַ קוועלענדער פּאַרשוין און וועט דערצעהלען, ווי אַזוי ער — ביינוש רובינשטיין איז געקראָכען צו אַברהם'ציק'ס ווייבעל.

ער האָט פערטראַכטערהייד אַ זיפץ געטהון:

— ניט אַלעמען לעבט זיך גוט.

ער האָט געזעהן: איהר קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבען, איהרע אויגען האָבען זיך אויפגעהויבען און ווי מיט שרעק אַריינגעקוקט אין זיין פּנים:

— דערצעהלט, דערצעהלט, ווי לעבט זיך דאָ ביים וואָקזאַל.

ס'האָבען איהם געבעטען איהר דונקעלער פּנים מיט די קלוגע און טיעפע אויגען; האָט ער דערפאַר, שוין ווידער פערגעסען, אַז ער זעהט זי דאָס ערשטע מאָל און דערצעהלט, ווי אַ בעליידיגטער און אַ הילפסלאָזער:

— ניט אַלעמען... הם... ניט אַלעמען לעבט זיך גלייך, און דער עיקר: ניט אַלע פערשטעהען גלייך, ווי אַזוי זיי לעבען.

ער האָט זיך דערמאַנט אָן אַברהם'ציק'ן, אָן פּיוניאַק'ן, אָן יענעם קאָמיסיאָנער מיט די גרויסע וואָנצען, אָן יענעם גאַנצען עולם וואָס זיצט איצט אין מאַנסביל'שען חדר.

— עט, ווי אַזוי לעבט מען דאָ? ווי די חזירים לעבט מען דאָ, ווי די הינד...

פאַרוואָס האָט ער פּלוצים אַ שמייכעל געטהון? פאַר פערדראָס? צי גאָר דערפאַר, וואָס עמיץ האָט שוין אין טהיר געקלונגען?

---

און אין דעם צווייטען אָבענד איז ער שוין ווידער גע=

זעסען געגען איהר אין דעם בעלויכטענעם חדר און זיך שוין געפיהלט היימיש און גרינג.

ער האט זיך געקלאגט אויף דעם וואקזאל, אויף די כוחרים און אויף דעם מסחר:

— סוחרים, איהר פערשטעהט? דאס איז שוין אזא מין אומה, א מיאוסע אומה... זיי דערווארגען פריהער א מענשען און נאכדעם האבען זיי אויף איהם רחמנות, זיי דערווארגען... אט, למשל, מיך...

ער איז שוין אויך האלב דערווארגען; ער, אז ער וויל ניט זידלען יענעם, זידעלט מען איהם... און אז ער וויל ניט ווארגען יענעם, טא ווארגט מען איהם.

מיט אזא אינטערעס האט זי אין זיין פנים אריינגעקוקט. ער האט דערפון א משונה פערגעניגען געהאט און געזעסען געגען איהר ביז שפעט אויף דער נאכט.

— א לעבען, וועגען א לעבען פרעגט זי? וואס פאר א לעבען קען דא זיין? א מיאוס לעבען, א נארישע לעבען. ער אליין לעבט אויך, ווי אלע. אט וועט ער איהר דערצעהלען, ווי אזוי מען פליאסקעט זיך דא אין בלאטע און מ'ווייסט ניט צוליעב וואס. לאז זי פרובען אבשטעלען א סוחר, לאז זי עמיצ'ן פערהאלטען, וועט ער זיך אויסרייסען און ווידער מסחר'ן.

געפעלט איהר אזא לעבען?

און זי... ער קאן זי ניט, ער זעהט זי ערשט דאס דריטע מאל... נאר אז מען וויל צוריק, קען ער זי יא, ער זעהט, ער פערשטעהט: זי האט צום וואקזאל ניט בעדארפט קומען. זי האט זיך ניט בעדארפט דערנאהנטערען צו מענשען, וואס בראכטען ניט פון זיך, נאר פון זייער געלד... מן־הסתם פערשטעהט זי אליין...

ער האט זיך דערמאנט אז ס'פאסט ניט אברהם'ציק זאל איהם היינט ווידער דא געפינען און זיך אויפגעשטעלט.

— אט געהט ער איצט צו זיך „א היים", דא ניט וויט איז זי — די היים, אין א קליין חדר'ל, וואס אין א קליין פויערש שטיבעל...

א מאל שלאפט ער ניט גאנצע נעכט; ליגט דארט און טראכט, ווי מיאוס די סוחרים זענען... ער טראכט ווי אזוי

פון די סוחרים צו אנטלויפען, ווי אזוי צו אנטלויפען פון זיך אליין . . .

— און א ווייב האט ער ערגיץ דא אין א נאהנט שטעדטיל; א קליינע איז זי, א גרינגע און א משונה'דיג שלאפע . . . ער האט זי שוין דריי חדשים ניט געזעהן, איהר אפילו קיין בריעף ניט געשריבען, און זי בעריהרט דאס ניט. זי פערשטעהט? דאס ווייב בעריהרט עס ניט . . .

ס'האבען איהם שוין ניט אינטערעסירט דער וואקזאל מיט די סוחרים. ס'האט איהם שוין ניט אינטערעסירט ניט דאס, וואס אברהמ'ציק קאן באלד אנקומען, ניט דאס, וואס זי — די פערקלערטע און שענע, טראכט וועגען איהם. ער האט פאמעליך געשפאנט צו זיך א היים, זיך צוזאמענגעגאסען מיט דער שטארקער נאכט-פינסטערניש און געטראכט:

— דריי מאנאטען זי ניט געזעהן, איהר אפילו קיין בריעף ניט געשריבען און זי בעריהרט דאס ניט . . .

## V.

זאלי דער בארעמדיגער האט בייניש'ן אויף זיין דין-ווייבערש קול ערצעהלט:

— אייער שוויגער האט מיך אין גאס אבגעשטעלט און געפרעגט, וואס מאכען סוחרים, ווי זענען די פערדיענסטען און צי איהר פערדינט עפיס. איך, זאגט זי, דארף דאס געוויס וויסען.

וועגען אלעס, הייסט דאס, האט זי ביי איהם געפרעגט מיט שכל און מיט חשבון און אין יעדעס ווארט איהרס איז פערבעהאלטען געוועזען די געוויסע כונה:

— זיי זשע מוחל און זאג איהם טאקי, אז ער מעג זיצען דארט.

און דאך האט ער—בייניש, געמוזט צו-שמייכלען און שמייכלענדיג אבדאנקען פאר'ן גרוס. מילא איז די שוויגער א נידריג בעשעפעניש, ווייסט כלומר'שט ניט, אז ער האט שוין באלד זיין פערמעגען אויפגעגעסען און גיט איהם איבער:

— פערדינט ער דארט עפיס מיין איידעם?

כל־הכל האָט ער טיעף אין דער ערד די שוויגער, די סוהרים מיט די פערדיענסטען. וויל ער, טאָ טהוט ער גאָר אויף אַלעם אַשפּײַ און ווערט אַ מלמד אין אַ דאָרף.

דאָך האָט ער פון הסח־דעת וועגען עטליכע שעה כסדר די נעגעל געביסען; זיך אָהן אַ ציעל בײַם וואָקזאַל אַרומגעדרעהט און צום סוף פערקראָכען צו איציק ברוך אויף דער קוואַרטיר. ער האָט לאַנג געקוקט, ווי איציק האַקט אוים פון האָלץ אַ שליטעל און געטראַכט וועגען זײַן לאַגע און וועגען דעם, וואָס איציק האַקט דאָס שליטעל בדחילא ורחימא, ווישט אַלע מאָל דעם שווייס פונ׳ם שטערען און האַקט ווידער. נאָכדעם האָט ער זיך מיט אַ מאָל אויפגעשטעלט, אַ ריהר געטהון איציק׳ן פאַר די פּלײצעס און געפרעגט:

— ווי קלעהרט איהר, איציק, 20 רובעל אַ מאָנאַט וועט מען מיר אין אַ דאָרף געבען?

און איציק האָט דענסטמאָל די האַק אין האָלץ אַרײַנגע־שטעקט און אויף איהם אַ מאָדנע ווארעמען בליק געוואָרפען. אַזוי ווארעם האָט איציק אויף איהם נאָך קײנמאָל ניט געקוקט. טרערען האָבען זיך איהם אין די אויגען אַזש געשטעלט, און דאָס האַרץ האָט אַ ציה געטהון צו איהם — צו דעם קאַלטען און קרעפטיגען בחור, וואָס האָט שוין דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט און שוין ווידער דאָס שליטעל געהאַקט.

צו וואָס האָט איהם אָט דאָס קינדערשע שליטעל גענוצט? ס׳איז ניט געווען כדאי צו פרעגען.

נאָר אײנמאָל איז אַ דונקעלער און פראָסטיגער שבת־בײַטאָג געווען. ער איז בײַ׳ם פערפרוירענעם טײַכעל, וואָס בײַ דער „וואָדאָקאַצקע“, דורכגעגאַנגען און געזעהן, ווי איציק איז אינ׳ם שליטעל אײנגעשפּאַנט און שלעפּט אַרום איבער׳ן טײַכעל חיים מענדעל מאַרגוליסעס 19 יאָהריג מעדעל.

ס׳איז געווען מאָדנע צו קוקען.

בײַם וואָקזאַל האָט מען שוין אַפילו געשמועסט אַז מאַרגוליסעס מעדעל האָט איציק׳ן ליעב, און דערפאַר שפּאַנט ער אַלע פאַרנאַכט אינ׳ם נאָהנטען דאָרף, וואָס דראַפּעט זיך אויף די בערג. דאָך איז די זאַך אײנגעאַרטיג און אונפער־

שטענדליך געווען; סוחרים האָבען זיך טאַקי אונטער'ן אויער געקראַצט און ניט פערשטאַנען:

— זאָל די זאַך אַזוי פשוט זיין?

ער—חיים מענדעל מאַרגולים אַליין מיט זיין פּריצי'שען פּנים און איידעלע מאַניערען איז דאָך תמיד אין זיינע פּריצישע געדאַנקען פערטיפט געווען, געשמועסט ביים וואָקזאַל מיט אַלע דורכפאָהרענדע מאַגנאַטען און איציק'ן אפילו ניט בעמערקט.

ער האָט פון דעמאָלסט אָן זיך אָנגעהויבען שטאַרק צו־קוקען צו איציק'ן און עטליכע טעג כסדר געהאַלטען אין איין קלערען:

— אָט איז איציק, למשל, אַ געזונדטער און אַ שענער בחור, און פון קיין יסורים ווייסט ער קיינמאָל נישט, און פערטיפט איז ער ערגיץ, אין אַ מערקווירדיגער וועלט, וואו קיין סוחרים זענען נישטאָ, און דאָס לעבען האָט ער מיט אייגענאַרטיגע ליעבע ליעב, און קיין געלד דאַרף ער ניט האָבען. נו האָבען טאַקי סוחרים פאַר איהם דרך ארץ און ליעב האָט איהם מאַרגוליסעס 19־יאָהריג מעדעל, וואָס האָט געקרייצטע בלאָנדע האָר און הימעל־בלויע אויגען. וואָס שמייכלען עטוואָס צו און קוקען אויף איהם מיט אַזאַ ווילדער פרייד, לייד, לײדענשאַפט און פערגעניגען. און ער, ביינוש?

ער האָט אַ פּנים אַ קליינ'ס און באַקען שוואַרצע, נידעריג צוגעשוירענע האָר און אַ נאָז אַ שפּיציגען און אויגען קליינע און שוואַרצע, וואָס לויכטען תמיד פון ווייטען. מעגען די אויגען ווי שטאַרק וועלען ווינען, מוזען זיי אָנהויבען צו שמייכלען, ווען אימיצער שמייכעלט צו זיי.

— וואָרום ער אַליין איז אַ קליין מענשעלע, וואָס טהוט נאַרישקייטען, פערבינדט זיך מיט אַ מיאוסער און שלאַפער ווייב, כדי מענשען זאָלען לאַכען, כדי ער זאָל זיך וואַלגערען אַ איבעריגער און אַ איינזאַמער ביי'ם וואָקזאַל; וואָרום ער פערדיענט קיין געלד נישט און נעהמט אָפּ אַ גרוס פון דער שוויגער: „פערדיענט ער דאָרט עפּיס, מיין איידעם"? און וואָס וועט זיין דער סוף?

ער האָט געהיט דעם מאָמענט, ווען אַברהמ'ציק האָט מיט די סוחרים אויף דעם וואָקזאַל אין קאָרטען געשפּיעלט, און זיך דעמאָלסט נעבען רעזערוואַר אַרומגעדרעהט. וואָס האָט ער

דאָרט בּעֶדאַרפט! מיִט איהר — מיִט קלאַרען האָט ער זיךּ זעהן געוואָלט? צוליִעב וואָס? געלד וועט איהם דערפון אַרויסקומען?

ס'איז אָבער מורא'דיג-אומעדיג געווען און רעדען מיִט אַ מענשען האָט זיךּ געוואָלט און קיין מענש איז אויף דעם וואָקזאַל געווען, חוץ איציקען, וואָס האָט ביי דער „וואָדאָקאַצקע" ערגיץ אויף דעם קינדערשען שליטעל מארגוליסעס 19-יאָהריג מעדעל אומגעשלעפט און חוץ יענע סוחרים, וואָס האָבען מיִט אַברהמ'ציק'ן אין קאָרטען געשפּיעלט און געלאַכט פון איהם — בּיינושען, וואָס האָט פיינט זיין מיאוסע, משונה'דיג שלאַפע ווייב, וואַלגערט זיךּ בּיי'ם וואָקזאַל און עסט גרייט געלד. אַמאָל איז זי פערביי איהם דורכגעגאַנגען, איהם אָבגעשטעלט און געבּעטען:

— קומט אַריין צו אונז.

זי האָט, ווייזט אויס, פאַר עמיצ'ן מורא געהאַט. דער־פאַר האָט זי שטענדיג מוסיף געווען:

— ס'איז דאָךּ אַזוי אומעדיג...

און ער איז אַריינגעגאַנגען, געזעסען געגען איהר בּיי'ם טיש, לאַנגזאַם געטרונקען טהיי און די גאַנצע צייט גערעדט מיִט אַ שוואַכען שטילען קול פון אַ הילפלאָזען און אַ זינדיגען:

— האָט ער אפשר פאַר איהר דאָס פריהעריגע מאָל עפּיס-וואָס איבעריגס גערעדט, זאָל זי אויף איהם קיין פעראיבעל ניט האָבען... ס'איז שווער צו שווייגען... זי דאַרף אַליין פערשטעהן... נו, חאַפּט מען זיךּ טאַקי אַמאָל מיִט אַ איבעריג וואָרט אַרויס.

דערפאַר וואָס זי האָט געקוקט אויף איהם מיִט אַ שטום־פריינדליכען בּליק, און מיִט דער אויפמערקזאַמקייט פון אַ שטאַרק נאָהנטען זיךּ איינגעהערט יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אַרויס־גערעדט, האָט דאָס הארץ זיינס שטיל געגנודעט און שטיל מקנא געווען דעם זאַטען און שמייכלענדיגען אַברהמ'ציק'ן, וואָס נעהמט פון לעבען אַלעס פאַמעליךּ אונ גרינג און שמייכעלט נאָךּ בּשעת מעשה צו מיִט איין און דעם זעלבען זאַטען און פוילען שמייכעל. זאָל זי טאַקי וויסען!

ער וויל ניט, אַז זי זאָל אויף איהם פעראיבעל

האָבּען . . . , ס'האָבּען שוין אויף איהם פּעראיבּעל דאָס ווייבּ , די שווינגער ; ס'האָבּען איהם שוין פּיינט , שפּעטען , חוזק'ן פון איהם סוחרים , קאָמיסיאָנערען , טאָ לאָז זי . . . טאָ לאָז חאָטש בּלייבּען איין מענש , וואָס זאָל קלערען וועגען איהם אָהן שׂנאה . . .

— און דאָך , ער דערמאַנט זיך , ער טהוט אַ טראַכט : מענשען האָבּען דאָך איהם אַמאָל ליעב געהאַט , ס'איז שוין געווים לאַנג געווען , זעהר לאַנג , אָבּער דאָך איז דאָס געווען . . . און ער געדענקט , ווי דעם רבּינ'ס אויגען , וואָס האָבּען צו יעדען קינד מיט שׂנאה און צאָרן געקוקט , האָבּען אין זיינע אויגען מיט אַ וויי כען שמייכעל אַריינגעקוקט , איהם געגלעט מיט אַ פריינדליכען וואונק און איהם אָבּגעדאַנקט דערפאַר , וואָס ער האָט זיין תורה גוט און ריכטיג פערשטאַנען . און נאָך געדענקט ער . . . אַלטע יודען מיט גרייז גרויע בּערד און ליכטיגע פּנים'ער האָבּען זיך מיט איהם , ווי מיט אַ גרויסען , משמח גיווען . . . און נאָך געדענקט ער . . . אַ אַלטער יוד , משה אהרן דער איניקעל — אַ בּייזער , אונרייניגער און הוסטענדיגער . . . ער האָט פון שלעכטסיגקייט ווייבּ און קינדער פון זיך פּערטריעבּען און אין קיין זאַך נישט געגלויבּט . . . ער האָט מיט קיין מענש קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און נאָר איהם , דעם איינציגען , דערצעהלט ווי טיעף און שטאַרק ער האָט די מענשען פּיינד . . .

— און אַפילו שפּעטער , ווען ער איז אַ גרויסער געווען און צו דער ערשטער כּלה צוגאַסט געפאָהרען . . . עט , וואָס איז שייך . . . ס'איז איהר אָפשר ניט אינטערעסאַנט צו הערען , וועט ער בּעסער וועגען דעם ניט רעדען .

זי האָט זיך עטוואָס פערשעמט און איז עטוואָס רויט געוואָרען .

— נאָך וואָס זאָל ער , בּיינוש , גאָר קלעהרען , אַז ס'איז איהר ניט אינטערעסאַנט צו הערען ? ער דאַרף וויסען , אַז זי פערשטעהט איהם . . . אַזוי ריכטיג פערשטעהט זי איהם . זי פיהלט אָפשר צוזאַמען מיט איהם . אָט וועט זי איהם דערצעהלען . . . ס'איז אַפילו ניט כּדאי . . . זי האָט וועגען איהם געטראַכט אין יענעם אָבּענד און אויך אין אַ פריהערינגען אָבּענד . זי איז געזעסען איינע אַליין אין שטוב , געהערט ווי

דער זײַנער קלאַפּט שטיל און פּאַמעליך און ווי דער ווינט רײַסט די דרויסן־לאָדן... ס'איז געווען שטאַרק אומעטיג... נאָר ניט דאָס האָט זי געוואָלט זאָגן. ער — ער האָט דאָך אַזוי פֿיל איבערגעלעבט.

— וואָס, ער געהט שוין אַוועק? וואָס האָט ער קיין צײַט? אַזעלכע לאַנגע אָבענדן, קאַלטע חושכ'דיגע און מרה־שחורהדיג־שטורמדיגע... און דער עיקר: ער געהט דאָך זעהר זעלטען אַרײַן. בעסער ווי בײַ איהם, אין פֿויערשען שטיבעל איז דאָך געוויס... נאָר אֶפשר איז איהם ניט אַנגע־נעהם מיט איהר צו זיצען? ער מעג דאָס אויסזאָגען... ס'מאַכט ניט אויס.

— און צי ווייסט ער אֶפשר, וואו אַברהמ'ציק ווערט דאָס אַלע אָבענד פֿערפֿאַלען? ער איז געוויס בײַ'ם וואָקזאַל. מ'זאָגט, אַז ער שפּילט דאָרט גאַנצע נעכט אין קאָרטען. צי איז דאָס אֶמת? ער דאַרף דאָס געוויס וויסען.

— און נאָך האָט זי וועגען גאָר אַ וויכטיגע זאַך געוואָלט מיט איהם שמועס'ן, נאָר ער אײַלט זיך איצט... געוויס וועט ער די טעג אַרײַנקומען, וועט זי נאָך מיט איהם וועגען דעם שמועסען. אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט.

ער איז געגאַנגען פּאַמעליך, מיט אַנ'אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ און געטראַכט: „האָט ער, הייסט דאָס, געדאַרפֿט נעה־מען פֿרומקען, די הילצערנע משונה'דיגע און גרינליכע, וועל־כער ס'געהט קיין זאַך ניט אָן, חוץ די טעלער און גלעזער, וואָס זי האַלט אין איין ברעכען, און אַברהמ'ציק — קלאָרען, וועלכע האָט קלוגע אויגען און..."

„און בײַ'ם וואָקזאַל זאָגט מען, אַז זי האָט איהם אַ היבשען נדן געגעבען".

„און איך, זאָגט מען..."

„עט, וואָלט ער אַזאַ ווײַב געהאַט, וואָלט ער מיט איהר איצט געזעסען אין אַ קלײנעם וואַרמען הדר, זיך אײַנגעהערט ווי דער שטורמווינד רײַסט מיט צאָרן די דרויסען־לאָדען און איהר דערצעהלט, ווי ער איז אַמאָל אײנער אַלײן אין אַזאַ שטורמדיגען אָבענד פֿונ'ם חדר געגאַנגען, דורכגעגאַנגען דורכ'ן שמאָלען בית מדרש־געסעל און געהערט, ווי אין דער פֿינסטע־

רער ווייבערשער שוהל קלאפט עמיץ פאמעליך אין א דרימעל־
דיגער שויב. און נאך וואלט ער איהר דערצעהט, ווי פאר
3 קאפ. איז ער אמאל איינער אליין ביינאכט אויף דעם בית־
עולם געוועזן... ער וואלט איצט וועגען געלד ניט געטראכט.„

## VI.

הארט איינגעטראטענע ערטערווייז דונקעלע שנעען האבען
שוין די פערגליווערטע ערד איינגעדעקט און זי בעהאלטען
פון מענשליכע אויגען. אויף די בערג. וואס ארום וואקזאל
זענען די שנעען געלעגען, אויף די בערגיגע פעלדער און
איינזאמע טאלען, וואוהין ס'האט זיך צייטענווייז א איינזאמע
בעל־עגלה'שע פוהר ארויבגעלאזט און דארט פערלוירען א
ציטעריגען קלונג פון אנ'אלטען מעשענעם גלאק. א נעבעל א
גרייז־גרויער האט זיך אין אויר פערשפרייט, און אנגעפרוירענע
בוימער האבען זיך אין איהם, ווי אלטעצקע, איינגעבויגען און
מיט זייער גאנצער שווערקייט זיך געצויגען צו דער ערד.

ביינוש איז געזעסען אנ'אנגעפעלצטער אינ'ם טיפען
בעל־עגלה'שען שליטען, און געזעהן, ווי דער בעל־עגלה,
וואס האט דעם קאפ צו איהם אויסגעדרעהט, האלט דאס מויל
אפען. א בלוי־קאליערענע פארע האט פון דעם מויל געזעצט,
ווערטער אבגעריסענע האבען זיך אפטמאל פון דארט ארויס־
געכאפט און, צופליהענדיג צו איהם זיך צוגעפרוירען און ניט
געווארען.

— אט דער מאני דרעל... גאר קיין נאר... ערשט
צוריק מיט א יאהר אנגעזעצט... און שוין... זיך אויף די
פיס ארויפגעהאפט... א שטוב זיך אין... סעטרעניץ געגען
דער פאסט אויסגעבויעט... א הויף... און אין צוקער־פאבריק
שוין ווידער אנ'עסקן געווארען... די מיהל ביי'ם גראף אב
געדונגען... גאר קיין נאר, ווי איך בין א יוד... וויאה!

אט צו דעם זעלבען מאני דרעל פאהרט ער דאך איצט.
ערשט פאר א יאהרען האט ער איהם זיינע וועקסלען אויף אכט
הונדערט רובעל פאר 20% אומגעקעהרט און איצט, ווען איהם
געהט נישט אמבעסטען און מאני'ן געהט אזוי גוט, אפשר וועט

ער איהם עפּעס געבּען. מאָני איז אַפילו ניט פון די גוט־הערציגע... און פאָהרען איצט צו איהם מיט טענות איז אַפילו אַ מחיה בזויה, נאָר אפשר... ווער ווייסט... דער בעל־עגלה שלמה ליפּ זאָל חאָטש בּיים וואָקזאַל ניט דערצעהלען...

ס׳האָבּען מאָנאָטאָניש געקלונגען די גלעקער און פאַמעליך דערצעהלט אַלץ איין טרויעריגע לאַנגע מעשה; אַ מעשה מיט אַ ווייט, פערוואָרפען וועלט־ווינקעל, וואו ס׳ציהט זיך אַנ׳עבּיגער ווינטער, אַ מעשה מיט הויכע שנעע־בערג, וואָס דרימלען דאָרט אונטער עבּיגע נעבּלען און חאַפּען זיך קיינמאָל ניט אויף.

דאָ און דאָרט האָבּען זיך אָנגעפּעלצטע און וואַרעם איינגעהילטע ברואים בּעגעגענט. זיי האָבּען ווי ניט געפיהלט, אַז דער ווייסער ראָסט ליגט שוין אויף זייערע בּערד און ברעמען און נאָך אַלץ געדרימעלט געהענדיג. „היט זיך” האָט צו זיי פון צייט צו צייט דער בעל עגלה געשריען. האָט זיין קול אָבּער צו זייערע אויערען ניט דערגרייכט, איז געשווינד פערגליווערט געוואָרען און הענגען געבּליעבּען בּיי׳ם בעל עגלה אונטער׳ן נאָז.

און ווייט, ווייט, אויף דעם שפּוע פון יענעם בּרייטען בּאַרג, וואָס בּיים האָריזאָנט, האָבּען זיך שוין סימנים פון „גרויס סעטרעניץ” צו בּעווייזען אָנגעהויבּען. פריהער זעהר אַ הויכער און גלייכער געמויערטער קוימען, וואָס שטעכט זיך איין טיעף אינ׳ם נעבּעל. נאָכדעם אַ שאַרפער שפּיץ פון אַנ׳איינזאַמע און פערקלעהרטע קירכע, סלופּעס פונ׳ם טעלעגראַף מיט אַ גאַנץ היבשעם פעלד פון נידעריגע שנעע־ווייסע דעכער.

---

מאָני דרעל׳ס אַ מעדעל פון אַ יאָהר אַכטצעהן האָט איהם אין האַלב־פינסטערן קאָרידאָר בּעגעגענט און געזאָגט:

— דער טאַטע איז איצט אין צוקער פאַבּריק; פון דאָרט וועט ער געוויס אין מיהל צופאָהרען און אַ היים וועט ער ערשט בּיינאַכט קומען.

ער האָט געקלעהרט ענטפערען, אַז ס׳איז איהם געוויס שווער צו וואַרטען נאָר דאָך אַז ער איז שוין דאָ און אַזוי

ווי... האָט זיך אָבער ביי איהם אונגעריכט אַרויסגעכאַפּט אַ מהיכא תּיתא׳דיגער „נו" מיט אַ שמייכעל דורכ׳ן נאָז. און אַליין איז ער שוין רויט געוועזען און געפּיהלט, ווי דאָס האַרץ בעלייידיגט זיך:

— וואָס פאַר אַ „נו" און צו־וואָס האָט דאָס שמייכעל גע־נוצט? דאָס מעדעל איז נאָך אָבער געשטאַנען געגען איהם און איבערגעחזר׳ט:

— וועט ער, הייסט דאָס, ערשט ביינאַכט אַ היים קומען. איהר קענט אַריינגעהן אָט אַהער.

זי האָט איהם די טהיר פון אַ זייט־חדר געעפענט און אַליין ערגיץ געשווינד נעלם געוואָרען.

ער האָט געטראַכט:

— ווען איציק ברוך קומט איצט אַריין אַ הער, וואָלט אָט דאָס מעדיל געווים פון איהם ניט אַזוי געשווינד אוועקגע־לאָפען, און געקוקט וואָלט זי אויף איהם ניט מיט אַזעלכע אויגען, וואָס זאָגען: „נו, גיכער, מאַך קיין טענות און זאָג וואָס ווילסטו. אַוועקגעהן צו אויסוואַרטען?"

ער האָט זיך צוגעזעצט און זיך אַרומגעקוקט:

אַ שען אויסגעמעבעלטער קאַבינעט, אַ מראַמאָרנער שרייב־געצייג מיט אַ „מאָפּסיק", וואָס האַלט דאָס ווידעלע אין דער הויך, גרייט אויף אַ חניפה צו מאַכען, אויף די וועגד — בילדער מיט ברייטע אָבגעגילטע ראַמען. דאָס איינגאַנצען איז אָפּשר פאַר זיין געלד געקויפט געוואָרען... ווער ווייסט? און דאָך זיצט ער נעבען דעם, ווי נעבען פרעמדס און האָט מורא זיך צוריהרען צו דעם.

— און די שטוב זעלבסט מיט די געמאָלטע סטעלעס איז אָפּשר אויך פאַר זיין געלד געבויעט געוואָרען, אַ היבשען חלק האָט ער דאָך לפחות אין איהר.

— און לאָז ער נאָר אַ פרוב טהון זיך צושפּאַרען אויפ׳ן מיש, לאָז ער זיך, למשל, אַ וואַלגער טהון אויף דער קאַנאַפּע און אַרויפשלעפען אויף איהר זיינע פים...

פונ׳ם צווייטען חדר האָבען זיך געהערט פערשידענע קולות, וואָס האָבען זיך צייטענווייז צוזאַמענגעגאָסען און אַ מלחמה געפיהרט.

עֶטליכע מעֶדליך האָבעֶן זיך דאָרט פאַר עֶפּיס וואָס געֶ־קריעגט. אַ שכל'דיגעֶ קריעג איז דאָס מסתמא געֶוועֶן. אַ גראָ־בעֶר מאַנסבילשעֶר קול האָט דאָרט איינגעֶשטילט אַ מעֶדעֶל, וואָס האָט געֶהאַט זעֶהר אַנ'עֶרעֶל און הויך קולכ'עֶל און צו פעֶרשטעֶהן געֶגעֶבעֶן:

— אָט, למשל, איהר טאַטעֶ האָט אַ געֶוועֶלב. עֶר פעֶרדיעֶנט, למשל, ביי יעֶדעֶר אַרשין סחורה 10 קאָפּ. און אַזוי ווי עֶר האָט די סחורה אַליין ניט אויסגעֶאַרבייט, קומט אויס, אַז די 10 קאָפּ. זעֶנעֶן דעֶם אַרבייטעֶרס, דאָס הייסט אַז עֶר לעֶבט אויף אַ פרעֶמדעֶן חשבון.

האָט זיך באַלד אַרויסגעֶהאַפּט דרעֶל'ס אַכטצעֶהן־יאָהריג מעֶדעֶל און איהם אונטעֶרגעֶהאַלטעֶן:

— געֶוויס, ריכטיג.

עֶר איז אויף די שפּיץ פינגעֶר צוגעֶגאַנגעֶן צו דעֶר פעֶר־מאַכטעֶר טהיר, וואָס האָט אין יעֶנעֶם חדר געֶפיהרט און צו־געֶבויגעֶן דעֶם אויעֶר.

דעֶר מאַנסבילשעֶר קול האָט זיך ווידעֶר געֶהעֶרט, איז זיך צעֶגאָסעֶן פאַמעֶליך און בעֶרוהיגט די אויפגעֶרודעֶרטעֶ מעֶדעֶלשעֶ העֶרצעֶר:

— אָט וועֶל איך אַ משל געֶבעֶן...

אעֶפשר איז דאָס געֶוועֶן אַיין אַלטעֶר בחור — אַ לעֶהרעֶר, וואָס האָט אַ גרויסעֶן שטעֶרעֶן מיט צוויי טיעֶף אויסגעֶקראָכעֶנעֶ ווינקלעֶן געֶהאַט, אַ בחור אַ „ידען", וואָס האָט די מעֶדליך אין די אויגעֶן ניט געֶקוקט און נאָר אַלעֶ מאָל די בריל צום נאָז שטייפעֶר צוגעֶדריקט. אעֶפשר האָט דרעֶל'ס מעֶדעֶל פון דעֶם בחור געֶהאַלטעֶן, און געֶפעֶלעֶן איז עֶר איהר געֶוועֶן מיט ביידעֶ אויסגעֶקראָכעֶנעֶ שטעֶרעֶן־ווינקלעֶן און מיט די צוויי רויטעֶ פאַסקעֶליך, וואָס די בריל האָט מיט דעֶר צייט אויף זיין געֶלעֶדהרטעֶ נאָז אויסגעֶקוועֶטשט. און דעֶרפאַר האָט זי יעֶדעֶס מאָל ווען עֶר האָט געֶענדיגט רעֶדעֶן געֶשריעֶן:

— אמת, ריכטיג.

האָט איהם אָבעֶר אויף דעֶם מעֶדעֶל פעֶרדראָסעֶן און אַ שמייכעֶל האָט זיך אין זיינעֶ אויגעֶן בעֶוויזעֶן:

— נו, און איהר טאַטעֶ... נו, און זי אַליין...

ער האט שוין די נעגעל געביסען:

— א רוח אין זייער... אליין רויבט מען זיך אן, מ'גזלט, מ'הרג'ט, קליידער פאר פרעמד געלד קויפט מען זיך, נאכדעם זיצט מען אין א ווארעמען געמאלטען חדר, מ'קוקט דארט אויף א ליעבען בחור און מען זאגט:

— דו ארבייטסט ניט און לעבסט... א סמן אז דו לעבסט אויף א פרעמדען חשבון...

און יענער בחור האט נאך דארט גערעדט פאמעליך:

— דער קאפיטאליזם, איהר פערשטעהט?...

ער האט זיך דערמאנט: א בחור א קאמיניאנער האט ערגעץ ווערטער געחאפט, געקומען אויף דעם וואקזאל און געפרעגט ביי אברהמ'ציק'ן פון וואס נעהמט זיך קאפיטאל. האט אברהמ'ציק איהם ווי א חסר־דעה אנגעקוקט און נאר פיווניאק האט די אקסלען עטוואס אונטערגעהויבען און אבגעענט־פערט:

— שוטה איינער, וואס פאר א שאלה פרעגסטו, מ'נעהמט נדן, ווערט קאפיטאל. און פון וואס נעהמט זיך טאקי דער קאפיטאל?.. ער, ביינוש, איז דאך ניט קראנק צו וויסען בעסער פאר יענעם בחור, וואס זיצט פון דעם זייט טהיר; א בעסערען קאפ פאר איהם האט ער דאך געוויס און חוץ דעם האט ער דאך שוין עפעס א שטיקעל קאפיטאל געהאט און האט איהם שוין ניט.

---

פארנאכט איז מאני דרעל א היים אנגעקומען. עטלי־כע קינדער זענען איהם אנטקעגען ארויסגעלאפען, איהם ארומ־געחאפט און דערצעהלט:

— טאטע, דארט אין קאבינעט ווארט עמיץ אויף דיר.

נאכדעם האט מען א לאמפ אריינגעטראגען, איהם אויפ'ן טיש געשטעלט און צוריק צוגעמאכט די טהיר.

און דארט ערגיץ אין עס־צימער האט מען טהיי געטרונ־קען און געקלונגען מיט לעפעליך. דאכט זיך, וואס האט מאני איהם בעדארפט אזוי לאנג האלטען... קום אריין און זאג א ווארט... איז דאך דאס מאני דרעל געווען... פיעל איבע־

ריגם האָט ער אויף זײַן לעבען געטהון, און דאָך איז אין יעדער איבעריגער תּנועה געלעגען אַ כּוונה... אָט אַזוי האָט ער, הערענדיג גוט אויף בײדע אויערען, געערדט שטאַרק שטיל, זיך אויף איין אויער טויבליך געמאַכט, איהם צוגעבויגען צו יעדען מענשען, וואָס האָט זיך צו איהם מיט אַ וואָרט געווענדעט און איבערגעפרעגט:

— אַ?

ער איז צום סוף אַרײַנגעקומען און איהם געפרעגט:

— וואָס האָט איהר עפּיס געוואָלט זאָגען?

זײַן גלײַך און האַרט בערדעל האָט ווי נאָר וואָס אַרומגעצויגען אויסגעזעהן, און ער אַלײן האָט אַ מינע געמאַכט, גלײַך ווי איהם — בײַנוש'ן, זעהט ער איצט דאָס ערשטע מאָל אין לעבען.

בײַנוש איז רויט געוואָרען און אַ הוסט געטהון:

איהר פערשטעהט, האָט ער אָנגעהויבען — פאַר אַ יאָהרען... פאַר אַ יאָהרען...

ס'האָט זיך געפּיהלט, וואָס פאַר אַ מחיה בזויה עס איז צו זיצען דאָ געגען אָט דעם בלוטצאַפּער. און צו רעדען איז אַזוי שווער געווען... און דרעל האָט אויף איהם רוהיג געקוקט און דערצו נאָך אַלע מאָל צוגעבויגען צו איהם זײַן כּלומר'שט־טויבליכען אויער און איבערגעפרעגט:

אַ?

ער האָט איהם דערצעהלט, אַז ס'איז איהם שלעכט, זעהר שלעכט, אַז ער געהט צום גרונד, אַז ער טרינקט זיך און אַזוי ווי סוף כּל סוף קומט דאָך איהם בײַ 700 רובעל, טאָ בעט ער איהם... מיט גוואַלד קען ער בײַ איהם ניט נעהמען, נאָר בעטען, בעט ער איהם...

דרעל האָט איהם אויסגעהערט מיט אַ גאַנץ ערנסטען פּנים, אַזוי אַז עס איז שוין אָפשר געווען צו גלויבען, אַז געלד קומט בײַנוש'ן ניט בײַ איהם, מאָני דרעל'ן, נאָר גאָר בײַ אַ צווײטען. דאָך הערט ער איהם אויס מיט געפּיהל און זוכט אַ פּלאַן, ווי אַרום — ער, בײַנוש, זאָל זײַן געלד קענען אָבנעהמען.

— פאַניע רובינשטײן, האָט איהם דרעל פאַמעליך און שטיל צו פערשטעהן געגעבען — איהר זענט דאָך אַ יונגער־

מאַן אַ בעל־שכל. איהר פֿערשטעהט געוויס אַליין, אַז לעבען מוז איך שטענדיג, ווי אַ מענש. איך בין שוין אַזוי געוואוינט געוואָרען: מיין ווייב מוז פֿאָהרען אַלע יאָהר קיין אויסלאַנד. זי איז, ניט פֿאַר אייך געדאַכט, ניט געזונד, זי האָט אַ לעבער־קרענק. מיינע צוויי יונגלעך מוז איך אין אַ גרויסער שטאָדט האַלטען... זיי קאָסטען מיך געוויס 150 רובעל אַ מאָנאַט. די איבעריגע קינדער מוז מען דאָ אַ לעהרער האַלטען. אָט גיב איך, למשל, אָט דעם לעהרער 80 רובעל אַ מאָנאַט חוץ עסען און חוץ דער וואָהנונג. דעסטגלייכען קליידען מוז מען זיך און די קינדער. מען קען קען פֿאַר דער וועלט קיין פּנים פֿון חוזק ניט בעוויזען. צי נעהמט, למשל, אָט מיך אַליין. איך בעגעגען זיך מיט מענשען, כ'לעב אָפֿשר אינגאַנצען פֿון מענשען, טאָ מוז איך אַרויסגעהן ווי אַ מענש און אַרויספֿאָהרען ווי אַ מענש.

— הערט אויס, פֿאַניע רובינשטיין: אויב ס'וועט מיר נאָך אַלעם קאַפּיטאַל בלייבען, וועל איך אייך דעם ערשטען מיט אַ גרויסען דאַנק אָבגעבען. איהר פֿערשטעהט? וועמען איך וועל ניט אָבגעבען, נאָר אייך. אייך...

און אין פֿינסטערען קאָרידאָר איז שוין דער בעל עגלה־שלמה ליפּ געשטאַנען און דאָרט געשריען אויף דעם קול:

— אָט דער בטל'ניק! וואָס האָט ער זיך דאָרט אַנידער־געזעצט. דעם גאַנצען טאָג מיך דאָ פֿאַר אַ קאַרבאַטש אָבגעהאַלטען...!

ביינוש האָט געטראַכט:

— אַח! אָט דער שלמה ליפּ, ער זאָל חאָטש ביים וואָקזאַל ניט דערצעהלען

## VII.

ס'איז געווען אַ מעשה.

צוזאַמען מיט שלומ'קע פּערעל האָט ער אויף אַ פּאַדטיע צוגעברענטען קאָרען האַנד־געלד געגעבען. דער קאָרען האָט אַ היבשען ריווח געבראַכט, האָט אָבער שלומ'קע געטענה'ט, אַז ביינוש האָט דאָס געלד ניט אין דער צייט צוגעטראָגען און איהם

קײן חלק נישט געװאָלט געבען. ער האָט זיך מיט שלומ'קען 8 טאָג כסדר אין אײנעם פון די גאַנצע שטעדטליך געלאָדען און אויסגעשפּיעלט אַנ'ערך פון 400 רובעל.

זײן ערשטער ריוח איז דאָס פאַר דעם גאַנצען װינטער געװען.

אומקערענדיג זיך צום װאָקזאַל, האָט ער דעם גאַנצען װעג צו זיך אַלײן געשמײכעלט, די פינגער־נעגעל פערגעסען צו בײסען און געקלערט:

— אז מען װיל צוריק... זענען דאָך מענשען, אדרבא, גאָרניט אַזוי שלעכט.

װען ער האָט זיך בײ זיך שלאָפען געלעגט, האָט ער שוין געקלערט, אז מען קען געלד פערדינען און אויסבויען בײם װאָקזאַל פונקט אַזאַ שטיבעל װי אברהמ'ציקס. נאָכדעם האָט זיך איהם די גאַנצע נאַכט אַ מאָדנע װאָרימער חלום געפּלאָנטערט: כלומר'שט ער מיט אברהמ'ציק'ס װײבעל פאָהרען צו זײן פאָטער אויף פּסח... ער געהט מיט איהר דאָרט איבער דעם שטעדטיל און װײזט איהר:

— אָט אין דעם בית־מדרש האָב איך געלערענט... אָט אין יענעם הויפעלע איז אַ רײכער „בעזדיעטניק" געזעסען, דער „בעזדיעטניק" האָט אַ ביבליאָטעק געהאַט פלעגט ער בײ איהם ביכער אויף לײענען נעהמען... און דאָרט אין טאָל איז ער ימים־טובים צײט אויף דעם גראָז, װאָס בײ דער פּוסטער מיהל, געלעגען, געקוקט אויף די ברײטע הימלען...

און גאַנץ־פריה, װען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט שוין די בעל־הבית'טע בײ איהם אין חדר געהײצט און דערצעהלט:

— געװען דאָ זונטאָג אברהמ'ציק'ס װײבעל... דעם גאָרטען, האָט זי געזאָגט, װיל זי אויף דעם זומער אָבדינגען. און אין שטוב איז זי אויך געװען... װער װאוינט אין אָט דעם „חדר?" האָט זי געפרעגט.

ער האָט זיך דעם גאַנצען טאָג אַרומגעדרעהט בײ'ם װאָקזאַל, און אין אָבענד װידער פערקראָכען צו אברהמ'ציק'ס רעזערװואַר. װען ס'איז גוט פינסטער געװאָרען, איז ער צום בעלויכטענעם שטיבעל צוגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט פאַר די פענסטער פון עס־צימער.

ער האָט געזעהן:

סוחרים און קאָמיסיאָנערען זענען דאָרט אַרום טיש געזעסען און אין קאָרטען געשפּילט. און בײַ איין עק פון טיש איז אַברהמ׳ציק׳ס װײַבעל געזעסען און געשמײַכעלט צום קאָמיסיאָנער, װאָס האָט געהאַט אַ געזונדטען פּנים מיט גרויסע פערדרעהטע װאָנצען.

ער האָט זיך געפּיהלט ניט אַמבעסטען און געקלעהרט:

— אפשר איז איהר מעהר אַנגענעהם צו קוקען אויף דעם געזונדטען און שענעם קאָמיסיאָנער, װי צו קוקען אויף איהם — דעם דאַרען סוחר׳ל? און אין אַ האַלבע שעה אַרום, װען ער איז שוין אין זײַן פינסטערען און קלײנעם חדר׳ל אַרײַנגעגאַנגען, האָט ער זיך בײַ זײַן שפּיציגע נאָז מיט די נידעריג צוגעשװירענע באַקען אַ טאַפּ געטהון און אין דער פינסטער בעשׂ׳אָסען:

— געװיס.

---

ער איז צו איהר מעהר ניט געגאַנגען, האָט צרומגעשפּאַנט אויף דעם װאָקזאַל־פּלאַץ און געקלעהרט:

— אין אמת׳ען, איז דען ניט נאַריש געװען דאָס, װאָס ער האָט זיך אַרומגעדרעהט בײַם רעזערװואַר אַלע אָבענד? און דער עיקר... אָט האָט ער, למשל, פיער הונדערט רובעל פערדיענט...

דאָך איז ער אין אײנעם אַנ׳אָבענד װידער צום רעזערװואַר פערקראָכען, און שטילערהײד זיך אַרײַנגעגנב׳ט אינ׳ם האַלבפינסטערן קאָרידאָר פון אַברהמ׳ציק׳ס שטוב. ס׳האָט איהם דאָרט קײנער ניט בעמערקט, איז ער דאָרט עטליכע מינוטען געשטאַנען, דערזעהן דורך דער האַלב־אָפענער טהיר דעם געזונדטען און שענעם קאָמיסיאָנער׳ס פערדרעהטען װאָנץ, און אומבעמערקטערהײד זיך פונ׳ם פינסטערען קאָרידאָר צוריק אין דרויסען אַרויסגעגנב׳ט.

נאָכדעם איז אַ קאַלטער, נאַסער און דונקעלער טאָג געװען. ער האָט זי בײַם װאָקזאַל דערזעהן און פון װײַטען געחאַפּט אַ קוק אויף איהר שענעם און שװאַרצליכען פּנים, זי האָט אַ קורץ װינטערדיג קאָפּטעל געטראָגען, האָט דאָס איהר גע-

קליידט און ביידע טעלעגראַפּיסטען האָבען אויף איהר דורכ'ן
פענסטער נאָכגעקוקט. ער האָט זיך באַלד אַוועקגעדרעהט און
אַ שמועס מיט אַלי דערבאַרעמדיגען פערפיהרט. עמיצ'ן אויף
צו להכעיס האָט ער דאָס געטהון, אפשר אויף צו להכעיס טאַקי
איהר, דער שענער און דונקעלער, וועלכע איז ערגיץ אונטער
זיינע פלייצעס געשטאַנען.

ס'האָט געבלאָזען אַ קאַלטער און נאַסער דרום־ווינט.
בלאָזענדיג האָט ער פערבלאָטיגט דעם ריינעם שנעע און איהם
צוגאָסען אויף די בוימער, פעלדער און אַרומיגע בערג, וואו
שוואַרצע ערד־פלעקען האָבען שוין ערטערווייז צו די פערוואָל־
קענטע הימלען געקוקט און שטומערהייט ביי זיי געפרעגט:

— ווערט איהר אונז נאָך אַמאָל בעשיטען מיט ווייסען,
ווייסען שנעע?

די הימלען זענען אָבער זעלבסט שטום געוועזען,
און נאָר דער פרייער ווינט האָט ערגעץ אַ גריליץ פון אַרום־
בלאָזענדע ראָבען בעקומען און איהם צו די פלעקען פאַר אַנ־
ענטפער געטראָגען. פונ'ם צוגאַנגענעם שנעע איז דער וואָקזאַל־
פּלאַץ נאַס און קויטיג געוועזען. דער ווינט האָט איבער איהם אַ
מאָדנע פּוסטקייט אַרום־געטראָגען און געקלאַפּט מיט די שויבען
פון ניט־קיין־אָנגעצונדענע לאַמטערנ'ס. פּוסט און אומעדיג איז
דאָ געוועזען, צייטען־ווייז האָט זיך דאָ אַ מענש בעוויזען: ער האָט
געהענדיג זיין קאָפּ איינגעבויגען, און דער ווינט האָט זיך
נאַריש געמאַכט און איהם פאַר די פּאָלעס געריסען.

און פון אַלי דערבאַרמדיגען'ס קליינעם מויל האָבען זיך
נאָך אַלץ שטילע ווערטער געשאָטען. עפּעס האָט ער ביינוש'ן
מיט אַ שמייכעלדיגען פּנים דערצעהלט, וועגען אַ פּריץ וואָס
האָט זעהר וואָלוועל האָבער פערקויפט, וועגען דעם וואָס מ'האָט
דעם האָבער נאָך וועלוועלער געקאָנט אָבקויפען. און אַ המצאה'־
לע אַ מאָדנישקע האָט אַלי דערצעהלענדיג אויף־געטהון, אַ
המצאה אַ עדעלע און גוט־הערציגע, ווי עדעל און גוט־
הערציג ער אַליין איז געוועזען.

האָט זיך ביינוש אָבער צו דער המצאה ניט צוגעהערט
און אַלץ געקלערט וועגען דעם, וואָס „זי" שטעהט ערגעץ
אונטער זיינע פלייצעס, וועגען דעם וואָס ס'קוקען אויף איהר

דורכ'ן פענסטער צוויי שמייכעל'דיגע טעלעגראפיסטען.
ס'איז צוגעגאנגען און זיך אבגעשטעלט אויף פינף מינוט א נאסער, פערדרויבערטער און קויטיגער פאסאזשיר־צוג. דער ווינט האט אין די נאסע פענסטער פונ'ם צוג געבלאזען און זיך מיט די וואגאנעס געוואלט שפיעלען. נאר די וואגאנעס האבען זיך ניט גערירט און אפילו אויף א רגע פון זיך דעם טרויעריגען ברוגז ניט אראבגעווארפען. קיינער איז פון די וואגאנעס צום וואקזאל נישט ארויסגעגאנגען, קיינער איז אין זיי ניט אריינגע־גאנגען; און צו גלויבען איז שוין געווען, אז אין יעדען פון זיי ליעגט א מת, און ארום איהם — זיינע דערשלאגענע קרובים, וואס פיהרען איהם פון גאנץ וויים צו קבורה...
גאר דארט אין עק פונ'ם צוג, וואו זי, די דונקעלע און שענע, האט זיך ארום־געדרעהט, האט זיך א יונגער־מאן א סטודענט אויף די טרעפליך פון א וואגאן אוועקגעשטעלט און צוגעקלעבט צו איהר דונקעל'ן פנים דעם בליק פון זיינע מרה־שחורה'דיגע אויגען. זי האט אויך אפט־מאל אויפ'ן סטודענט געחאפט א קוק. ביינוש האט שוין אויף איהר געקוקט און געטראכט:
— צוגעהן צו איהר?

---

דער צוג האט שוין ווידער געקלאפט, זיך געשווינד געשלענ־געלט און איינגעזונקען אין בלייענע ניעדעריגע ווינטער־וואלקען.
אויף דעם פוסטען און נאסען וואקזאל זענען זיי שוין ווידער נאר אין צווייען געשטאנען. ער א בעליידיגטער און א להכעיס'ניק — אין איין זייט, און זי, א יונגע שענע און א איבערגעלאזענע — אין דער אנדערער זייט.
ס'האט זיך איהם שוין ווידער שטארק געוואלט צוגעהן צו איהר, גאר פון נאהנט אריין־קוקען אין איהר דונקעל'ן פנים און שטיל און פאמעליך דערצעהלען וועגען דעם, וואס זי האט אויף דעם וואקזאל ניט געדארפט אראבקומען. נאר זי איז נע־בען איהם דורכגעגאנגען און אפילו איהם ניט בעמערקט. ער האט דערפאר די פינגער־נעגעל צו בייסען אנגעהויבען און מיט פאר־איבעל געטראכט:

— גערט ער דאָס אַרום פּוסט און פּאַס און האָט פּוסטע מעשׂיות אין זינען... און אין אמת'ן: וואָס איז איהם טאַקי דער חלוק וועגען וועמען זי טראַכט איצט — וועגען אַברהמ'צי־קען, וועגען דעם געזונדטען קאָממיסיאָנער, צי גאָר וועגען דעם סטודענט? ס'הויבט איהם דאָך ניט אָן צו בעריהרען...

ערשט, ווען זי איז צוריק דורך־געגאַנגען, האָט זי זיך נעבען איהם אָבגעשטעלט, געמאַכט אַ פערזאָרגטען פּנים און זיך געקלאָגט:

— סאַראַ פּוסטקייט ס'איז דאָ, אַ?

איהר פּנים איז עטוואָס פערקרימט געוועזען. ער האָט ניט געוואוסט צי איז איהר פּנים פערקרימט איבער'ן ווינט, צי גאָר דערפאַר, וואָס דאָ אויף'ן וואָקזאַל איז אַזוי פּוסט.

— אַ פּוסטקע? — האָט ער איהר נאָכגעשאָקעלט — געוויס אַ פּוסטקע.

און אַליין האָט ער שוין געפּיהלט, אַז ער ווערט רויט, ווייל ניט שמייכלען און שמייכעלט פאָרט.

פאַר וואָס האָט איהם פּלוצים אויף איהר פאַרדראָסען?

עפּעס מיט ניט־קיין־פאַרזיכטיג וואָרט האָט ער זי שטאַרק בעליידיגט. ער האָט געזעהן: ס'האָבין זיך אויף איהם אָבגע־שטעלט איהרע אויגען, שטאָלצע און פולע מיט גאוה. נאָר באַלד האָט זי זיך אויסגעדרעהט פּונקט אין דער זייט, פון וועלכער ס'האָט געבלאָזען דער קאַלטער און נאַסער ווינט. עפּעס האָט זי געקלערט, זיך צום סוף בעשלאָסען איהם אָבצאָהלען פאַר'ן וואָרט:

— ... טאַקי דערפאַר ווייל זי איהם בעטען אַז ער זאָל וועגען איהר מעהר אַזאַ מיינונג נישט האָבען ... און נאָך ווייל זי איהם זאָגען: אין איינעם אַ אָבענד, איז ער ביי איהר אין קאָרידאָר געשטאַנען ... אַ נאַרישקייט איז דאָס פון זיין זייט געוועזען... ער האָט דאָך גע־מעגט אין שטוב אַריינגעהן. ער ווייסט דאָך: ס'איז איהר שטענדיג אַנגענעהם, ווען ער קומט אַריין...

און איהר מיינונג וועגען די וואָקזאַל־לייט ווייסט ער דאָך אויך... זי האָט זיי אפשר ניט ווייניגער פאַר איהם פיינד...

ער האָט זי בעגלייט מיט די אויגען און געטראַכט:

— זי האָט זיי פיינד — די סוחרים און דאָך איז זי צו זיי גע־

קומען און לעבט צווישען זיי. און ער ביינוש האט זיי נאך מעהר פאר איהר פיינד, און דאך אנטלויפט ער ניט פון זיי.

— און פאר וואס אנטלויפט ער טאקי ניט פון זיי? וואס ציהט איהם ביינוש'ן צו זיי? די פיער הונדערט רובעל, וואס ער האט פאר דעם גאנצען יאהר פערדיענט?

## VIII.

סאמע אין סוף ווינטער, ווען פרעסט זענען שוין קלייניגע געשטאנען, נאר געדיכטע שנעען האבען זיך נאך טאג און נאכט אהן א אויפהער אינ'ם דונקעל'ן וואקזאל־געגענד געשאטען, איז מאיר העכט ווידער צום וואקזאל קלייען פערקויפען אראבגעקומען און זיך בעזעצט אין א היבשען חדר פון א נאהנטען פויערשען שטיבל. ווי דאס פריהעריגע מאל האט ער איצט געלר פערדיענט, פאפיראסען אהן א שעור געראוויכערט און מיט די וואקזאל־סוחרים קיין איבריג ווארט געוואלט אויסרעדען. אין זיין דונקעל־ויידענעם, עטוואס אונטערגעהויבענעם פנים האט זיך קיין שום פערענדערונג געזעהן, און נאר דענסטמאל ווען זיינע צופיער אפענע אויגען האבען זיך אויף די סוחרים אבגעשטעלט, האט זיך געדאכט, אז די שנאה צו זיי און צו זייערע עסקים איז פאר דער צייט פון זיין אבשטייגען שטארקער און טיפער געווארן. ביינוש האט אויף איהם דענסטמאל, ווי אויף א רעטעניש, געקוקט און געטראכט וועגען דער ווייטליכער אונבעקאנטער טשערניגאווער גובערניע, וואו העכט האט זיך מיט דער שנאה אנגעזויגען:

— מאדנע ברואים דארפען דארט זיין.

איינער פון די מאדנע ברואים איז דאך העכט אליין געווען: פיינד געהאט דעם מסחר מיט אלע עדערע געפיהלען און אליין א סוחר געווען; גאנצע טעג געזעסען ביי זיך מיט צונומענע נאז־לעבער און מיט זעהר ערנסטע, גרויסע אויגען געקוקט אויף דעם רויך, וואס האט זיך פון זיין אונטערגעהויבענעם מויל געצויגען. וועגען וועמען האט ער דאס געקלערט? וועגען זיך? וועגען זיינע פערדיענסטען? צי גאר וועגען זיין קליינינקער שעניגקער ווייבעלע, וואס ער האט אין טשערניגאווער גובערניע איבערגעלאזט?

ס'איז געווען אומעגליך צו טרעפען.

אונטער'ן טיש און בעט האָבען זיך בײַ איהם פיעל ביכער געוואַלגערט. צוטרעטען זענען די ביכער געווען, פערשמירט און פערגאָסען. ער האָט זײ קײנמאָל אין האַנד ניט גענומען און קײנמאָל וועגען זײ ניט גערעדט. נאָר אַ מאָל האָבען זיך אויף זײ זײַנע צופיעל־אָפענע אויגען אָבגעשטעלט און געדאַכט האָט זיך, אַז זײ זאָגען:

— אַז ווי באַלד ער אַלײן, מאיר העכט, הײסט דאָס, וואָס האָט סוחרים אַזוי פײַנד, קען זיך זעלבסט פון סוחר'ערײַ נישט בעפרײַען, טאָ צו וואָס־זשע נוטצען אָט די טיעף־קלוגע ביכער און וואָס פאַר אַ הילף קענען זײ די מענשען ברענגען.

— און טאַקי, ווי באַלד ער אַלײן קען זיך פון סוחר'ערײַ נישט בעפרײַען, טאָ קענען צו גאָרנישט ברײַנגען די איבעריגע פלפולים, און דאָס גלײַכסטע איז דערפאַר צו זיצען שטיל, — אָט ווי ער, מאיר העכט, זיצט, — שווײַגען און קוקען ווי ס'ציהט זיך דער רויך פונ'ם האַלב־אָפענעם און אונטערגעהויבענעם מויל.

בײַנוש האָט זיך טאַקי נישט געקאָנט אײַנהאַלטען און איהם געפרעגט:

— ס'איז אַפילו נישט מײַן עסק, דאָך וויל ער איהם פרעגען: אָט איז. למשל, ער — בײַנוש, ער האָט אפשר ניט ווענינער פאַר איהם דעם מסחר פײַנד, דאָך קלערט ער אַפילו אַ מלמד אין אַ דאָרף צו ווערען. און ער, — העכט, ווער פאָדערט דאָס פון איהם אַ סוחר צו זײַן? ווער דאַרף איהם, למשל, אָט דאָ בײַם וואָקזאַל האָבען?

און העכט האָט פלוצים מאָדנע גרויכע אויגען בעקומען און נישט פערשטאַנען:

— וואָס הײסט, ווער ס'דאַרף איהם דאָ? ער דאַרף זיך אַלײן.

גלאַט אַ מאָדנער אײַנפאַל פון אַ ליטוואַק! בײַנוש איז מיט איהם ניט אײנשטימיג געווען און געטראַכט:

— אָט דאַרף איהם, למשל, זײַן הילצערנע ווײַב נישט האָבען, נו אַנטלויפט ער נישט פון איהר?

---

בײַ איציק ברוך האָט בײַנוש אײנמאָל געטראָפען אַ

דאַרינקע מעדעל, וואָס האָט געהאַט אַ קליין קינדערש פּנים׳ל מיט האַוטע אָבגעשאָרענע האָר. זי האָט נאָך אין איינע פון די גרויסע שטעדט איציק׳ן ליעב געקריגען און צוליעב איהם אַראָבגעקומען פאַר אַ לעהרערין אין איינע פון די נאָהנטע שטעדטליך. איציק איז דענסטמאָל אויף אינפלוענץ שלאַף געווען, געלעגען מיט אַ פערבונדענעם האַלז און שטאַרק רויטען פּנים אויף דער ניעדעריגער קאַנאַפּע און געשוויגען.

אָפּשר האָט ער געטראַכט, אַז די דאַרינקע מעדעל געהט אומזיסט צו איהם און אָפּשר האָט ער אָן איהר גאָר אינגאַנצען פערגעסען, נאָר געבענקט נאָך יענע נעבעלדיגע און פּראָסטיגע טעג, אין וועלכע ער האָט מאַרגוליעס׳עס 19־יאָהריגע שענע מעדעל אויף זיין קינדערשען שליטעל אַרומגעשלעפּט.

ער האָט שוין, הייסט דאָס, די דאַרינקע און קליינינקע אויך ניט בעדאַרפט. האָט זי זיך ניט־וויסענדיג געמאַכט, געקומען צו איהם אַלע אָבענד און געשמועסט מיט זיין ברודער וואָלאָדיען, דעם קרייענדיגען און פּריטשעוואַטען סטודענט, וואָס איז נישט לאַנג אַ היים צו גאַסט געקומען. דאָס מעדיל האָט גערעדט מיט האַרץ און די דאַרע באַקען האָבען ביי איהר מאָדנע געפלאַמט און וואָלאָדיע האָט געשמייכעלט מיט געלע וואַסערדיגע אויגען און געווען צופריעדען פון דעם, וואָס ער איז איצט צו גאַסט אַ היים געקומען.

אין אמת׳ן איז דאָך ביינוש׳ן געווען אַלץ־איינס, וועגען וואָס זיי רעדען און וועגען וואָס זיי קריגען זיך. ער האָט טאַקי אין זייערע שמועסען קיין אַנטייל נישט געוואָלט נעהמען און געקלערט אַז צום „סאָלנעטשניק״, וואָס ער האָט נישט לאַנג געקויפט, וועט ער געווינען 150 רובעל דערלעגען און, ווער ווייסט, אָפּשר טאַקי גאַנצע צוויי הונדערט.

---

און ביים וואָקזאַל זענען שוין בינדלעך סוחרים געשטאַנען און געשמועסט:

— ביינוש מאַכט דאָס געשעפטען.

— אַ?

— ער וועט זיך שוין מיט'ן „סאָלנעטשניק" אבי יאָהרען האַלטען.

— ניין, כ'מיין די הלואה, וואָס ער האָט דעם בעצעני־צער אָדון געמאַכט.

— ווייס איך וואָס?! ווער רעדט פון אַ חסר דעה?

און אין שטאָדט האָט זיין שוויגער פּיווניאַק'ן דערטאַפּט און זיך פּאַר איהר קאָפּ געריסען:

— גוואַלד! גוואַלד! ווער האָט ניט געוואוסט, אַז דער בעצענעצער זעצט היינט־מאָרגען אָן!

פּיווניאַק איז באַלד צום וואָקזאַל געקומען און דאָס אויף טעלער צושמירט;

— כ'זאָג אייך אידען: אַ חסר־דעה, מיט אַלע פּישטצי־קעס אַ חסר־דעה.

מילא, האָט ביינוש זיי אַלע אין דר'ערד געהאַט און אַפּילו ניט געוואָלט וויסען, וואָס זיי פּלאַפּלען דאָרט. דער עיקר איז געווען דאָס, וואָס ער איז צום בעצענעצער מיט גאַנצע פינף הונדערט רובעל אַריין.

ער איז טאַקי צוטראָגען געווען און די פינגער־נעגעל מיט גרויס איילעניש געביסען, דערנסטמאָל ווען אין מח האָט זיך דעם גאַנצען טאָג אַנ'איינציגע מחשבה געדרעהט:

— אַ שפּילכעל 500 קאַרבען?!

נאָכדעם האָט ער אברהמ'ציק'ן אויף דעם וואָקזאַל דער־טאַפּט און זיך דאָס ערשטע מאָל מיט איהם דערפרעהט: ווי קלערט ער טאַקי, אברהמ'ציק? ער איז דאָך נישט לאַנג פון דעם זעלבען בעצעניצער מיט 1000 רובעל גאַנץ אַרויס. ווי דענקט ער: ס'איז מעגליך די 500 רובל אַרויסצוחאַפּען?

אברהמ'ציק האָט זיין פּנים מאָדנע צונויפגעקוועטשט און אונטערן אויער גענומען קראַטצען מיט כח און איילעניש, אַזוי אַז ס'איז שוין צו גלויבען געווען, אַז אונטער'ן אויער איז ביי איהם אַ מסוכנ'ע צרעת פאַראַן, וואָס בייסט איהם משוגע'נער־ווייז און לאָזט איהם ניט אָטהעמען.

— ביינוש'ל, אַי... אַי... אַי... ביינוש'ל, — האָט ער קראַטצענדיג זיך, אויף אַ מאָדנע דין קול'כעל געשריען, — ווי טהוט מען מיך פריהער נישט אַ פרעג? אַ, ביינוש'ל...

בּײַנוש האָט געשװיגנד די פֿינגער־נעגעל געבּיסען און מיט פֿערקערטע אױגען געקוקט אַראָב אױף אַברהמ'ציק'ס פּנים.

— איז דאָס געלד, הײַסט דאָס, יבש?... אַ?... נו, מילא, ס'געהט ניט אין דעם... האָט ער װעניגער מיט 500 רובּל... דער עיקר איז... צי װײַסט אַברהמ'ציק ניט: אפשר קען מען פֿאָרט דאָס געלד אַרױס־פּאַקען?.. אַ?.. נײַן? נו, האָט ער דאָס אין דער ערד און װיל אפֿילו װעגען דעם נישט טראַכטען...

— נאָר װאָס אַנטלױפֿט איהר אַברהמ'ציק? װאָס האָט איהר קײַן צײַט... װאַרט צו...ס'װילט זיך גלאַט אַזױ אַ ביסעל רעדען... הם, שױן אפשר טאַקי לאַנג נישט גערעדט... נו, און װי קלערט איהר, למשל, װעגען אַזאַ מין פּלאַן: נעהמען דעם „סודיעבּנעם" און איהם די „קלוניע" פֿאַר'חתמ'נען? אַ?... ס'איז ניט קײַן פּלאַן? נו, און אַ פּאָהר טהון, למשל, צום קיל־קיװער גראַף, צום שװאָגער צו זײַנעם, און איהם צוקלאָגען?.. ס'װעט אױך נישט פּועל'ן? נו, איז דאָך במילא נישט װאָס צו רעדען... כ'װיל אפֿילו דעם קאָפּ נישט ברעכען.

---

האָט אָבער דער קאָפּ נישט געפֿאָלגט און זיך זעלבּסט געבּראָכען.

דער „סאָלניטשניק", אױף װעלכען ס'איז קײַן קונה ניט געװען און װעלכען ס'האָבען ערגעץ אין אַ פֿינסטער און שטױביג װינקעל די מײַז געטרײַ געגעסען, מיט דעם בעצעניצען־נאַרישען באַנקראָט, װאָס האָט אָהן שׂכל בײַ איהם געלד געליגען און אָהן שׂכל אַנגעזעצט, האָבען זיך צו איהם אין קאָפּ פֿערקליבען און דאָרט דעם אײַנגעמיהטען מוח געפּרעסט. ס'איז געװען שװער צו געדענקען זײַ, שװער צו פֿיהלען זײַ אין יעדען קנײַטש פֿונ'ם האַרץ און נאָך שװערער איז געװען זײַ צו פֿערגעסען און צו טראַכטען, אַז ס'איז קײַן „סאָלניטשניק" אױף דער װעלט ניט געװען און אַז דעם בעצעניצער האָט ער קײַן 500 רובּעל ניט געגעבען.

דאָך זענען געװען מינוטען, װען ער האָט זיך פֿערגעסען, אַרומגעגאַנגען בײַם װאָקזאַל און געטראַכט װעגען דעם װאָס

אַברהמ'ציק'ן איז גוט, דערפאַר וואָס קיינער האָט ביי איהם קיין
געלד נישט צוגענומען, דערפאַר וואָס ער האָט אַ רעזערוואואַר,
אַ שענע שטוב, געלד און דער עיקר אַ שענע און קלוגע ווייב.
וועלכער ער איז ניט ווערטה. און געוואָלט האָט זיך דענסטמאָל
אַז ס'זאָל אַ שטורם־ווינטיגער אָבענד זיין און שנעען ביזע זאָלען
אין די אויגען פּאַטשען און אַ ווינט אַ בייזער זאָל די דרויסען־
לאָדען אָן וואַנט קלאַפּען און קיינער זאָל ביי אַברהמ'ציק'ן אין
בעלויכטעטען שטיבל ניט זיין, חוץ איהם מיט יענער דונקעלער
און שענער, וועלכע זאָל קוקען אויף איהם מיט קלוגע אויגען,
אויסהערען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט זיינע טיעפע יסורים און
זאָגען:

— איהר דאַרפט וויסען, ביינוש, איך פערשטעה אייך...
כ'פיהל אָפשר צוזאַמען מיט אייך...

נאָר וואָס האָבען זיי די וואָקזאַל־לייט פון איהם געוואָלט?
פאַר וואָס האָבען זיי געשמועסט וועגען איהם אין יעדער ווינקע־
לע? פאַר וואָס האָבען זיי פון יעדען לאָך אַרויסגעקוקט אויף
איהם מיט שמייכעלדיגע און נייגיריגע אויגען און אָנגעוויזען:

— אָט געהט ער — ביינוש. אָט איז ער... ווי איך
בין אַ איד.

---

אָט איז אַ לעצטער ווינטערדיגער פאַרנאַכט. פייכט איז דער
וואַרעמער אויר, פייכט איז דער וואָקזאַל מיט די אָבגע־
שאָקעלטע און נאַקעטע בוימער, וואָס רינגלען איהם אַרום,
פייכט זענען די מענשען'ס פנים'ער.

ערגעץ העכער פון'ם עולם התהו קריגען זיך איבער די
הימלען דער ווינטער מיט'ן פריהלינג. שמייכעלט דאָרט דער
פריהלינג און בעט:

— הימלען, זייט ריין און לויטער, ס'וועט דאָך אייך
נאָכדעם געוויס הנאה טהון.

בייזערט זיך דער ווינטער און ווינקט מיט זיינע ברוגז'דיגע
ברעמען:

— הימלען, טהוט אייערס.

קווייטנקלען זיך דאָס די הימלען און ווייסען ניט וועמען צו
פאָלגען. זיי זענען טאַקי אָט לויטער, אָט וואָלקענדיג.

און אומבעשעפטיגטע מענשען פערדריסען צו די הימלען זייערע קעפּ און קלערען:

— וואו וועט זיך די זון זעצען: אינ׳ם וואָלקען צו אינ׳ם ריינעם הימעל?

אויף דעם וואָקזאַל־פּלאַץ שטעהען בינדלעך־ווייז די סוחרים און שמועסען נאָך אַלץ פון ביינוש׳ן:

— סטייטש, ער איז דאָך שוין באַלד אַ קבצן, ביי איהם בלייבט דאָס?!

קומט אָן אַ פּאַסאַזשיר־צוג, פערגעסען זיי ביינוש׳ן אַ ווײַלע און נעהמען זיך צום יונגען עולם, וואָס לערנט ערגעץ אין פערשידענע גרויסע שטעדט און פאָהרען איצט אַהיים אויף יום־טוב. מען ווינקט אויף אַ אויסגעדאַרטען בחור—אַ עקסטערן, אַ בעל מרה־שחורה און מען בעקלאָגט איהם:

— אוי... אָרעם נעבעך, אָרעם, וועה איז דער מאַמען.

און ווען ס׳געהט נאָר אָב דער צוג דערמאָהנט מען זיך ווידער אָן ביינוש׳ן:

— שאַ, וואוהין פאָרט ביינוש אויף פסח? די שווינגער זיינע וועט דאָך איהם געוויס מיט אַ שטעקען דורכטרייבען.

ער געהט אַרום איינער אַליין, בייסט די נעגעל און טראַכט:

— וואָס האָבען זיי צו מיר?

אַלי דערבאַרימדיגער געהט פערביי איהם מיט אַ פרעמדען סוחר און קלאָגט זיך צום סוחר מיט׳ן דינעם ווייבערשען קול:

— שענע געשעפטען מאַכט מען היינטיגע צייטען. אָט איז ביים וואָקזאַל איינער ביינוש רובינשטיין פאַראַן... איהר האָט שוין געהערט?... נו זעהט איהר שוין... כ׳זאָג אייך מ׳טאָר טאַקי היינט ניט אַרויסלאָזען אַ קאָפּיקע פונ׳ם האַנד.

ער איז אָן אַ זייט געשטאַנען און געטראַכט:

— און ווער האָט דען, חוץ פּיוניאַק׳ן, אויף דעם וואָקזאַל צופויקט?

נאָר פּיוניאַק האָט זיך ניט ווײַסענדיג געמאַכט און זיך, ניט ווייט פון איהם, מיט די וואָקזאַל־לייט געווערטעלט:

— הערט איהר, פאני דערבארמדיגער, כ'האב שוין דא וועגען אייך א סך געטראכט, אט לאזען אידען זאגען... ס'פערדריסט מיך אויף אייך ביז די לעבער... איז אבער צו אייך נאר איין עצה פאראן: אבשטעלען אייך אט דא און אב־צעהלען די אמת'ע עטליכע פעטש. איהר פערשטעהט?

דער עולם לאכט געשמאק און נאר ביים גוטען משכיל און בעל־מדות שמייכלען עטוואס פערוואונדערט די אויגען.

— פעטש? — פרעגט ער, פארוואס ר' לוי?

און פיווניאק קוויינקעלט זיך און ענטפערט אויף'ן קול:

— נאר פעטש. דען געלד, זאג איך, האט איהר; א שענעם טאטען האט איהר געהאט, אין געלד אדער אין כבוד ריהרט איהר קיינעם ניט אן, און א נדבה א שענע גיט איהר אויך, — איז צו אזא חצוף און עזות־פנים קיין אנדער עצה, זאג איך, ניטא: מען גיט איהם די אמת'ע עטליכע פעטש אויף שטום לשון און לאז ער געהן לאדען צום מיראוואי.

דער פרעהליכער עולם האט געלאכט און פריינדליך גע־קלאפט אין פיווניאק'ס פלייצעס. נאכדעם האט זיך דער גלעב־טער פלוצים איבערגעהאקט און געהערט האט זיך י עמיצער פרעגט:

— נו, און ביינוש'ן, ר' לוי?

איהם אויף צוזעצעניש האט דאס עמיצער געפרעגט און פיווניאק האט זיך מיט דער שאלה דערפרעהט און באלד אבגע־ענטפערט:

— ע—ע, שוטה איינער, ביינוש האט זיך שוין אליין אויסגעפאטשט.

— ש־ש־שא!

ביינוש האט געהערט. עמיץ האט שטיל פיווניאק'ן גע־זאגט, אז ער ביינוש, שטעהט דא ניט וויט. ער האט גע־פיהלט, ווי מען קוקט אויף איהם־ און מען האט מורא זיך בע־געגענען מיט זיינע תרעומות'דיגע און בעליידיגטע אויגען. דאס הארץ האט זיך שוין געשווינד און מיט א וועהטאג געקלאפט און אלע מאל זיך אונטערגעטונקען אין עפעס א מאדנע הייסע און זורינע זאך. אזוי משונה און ניט פערשטענדליך איז גע־

װען דאָס, װאָס ס׳קלינגט נאָך פּאַמעליך און רוהיג פּיװניאַק׳ס װערטעלדיגער קול:

— ער מעג שױן הערען, ניׁשט קשה. שלמה ליפּ איז שױן רײַכער פאַר איהם.

ס׳האָט געקלונגען אין די אױערין אַ אומגעװעהנליך־גרױסער גלאָק. דאָס האַרץ האָט שױן שנעלער און שטאַרקער געקלאַפּט און די זאַך, אין װעלכער דאָס האַרץ האָט זיך געבאָרען, איז שױן הײסער געװען. די אױגען האָבען געקוקט מיט אַ מעלאַנכאָליש־פלײַסיגקײט און דאָך האָבען זײ פאַר זיך קײנעם ניט געזעהן, חוץ יענעם אײנגעהױקערטען, הױכען און װערטעלדיגען, צו װעלכען ס׳האָבען זיך אומגעװעהנליך־שטאַרק געצױגען די אױגען, די הענד, דאָס אױף־געררודערטע אָבגעבריהטע האַרץ און צו װעלכען ער איז געגאַנגען פּעכט און שטאָלץ, טראָגענדיג מיט זיך אױך אַזאַ פּעסטען און שטאָלצען פּסק:

— נאַ׳שע דיר!..

ער האָט געפּיהלט, װי זײַן האַנד האָט זיך מיט כּעס און כּח אָבגעלאָזט אױף פּיװניאַק׳ס באַק און געשעפּט דעם שכּור׳ן טעם פון נקמה:

— און איצט געה לאָד מיך דו צום מיראָװאַי!

עפּעס האָט ער אַ מאָדנעם ענטפער דערהערט: אַ אומפערשטענדליכען אױסגעשרײַ פון אַ װילדע און צורײַצטע שטימע:

— אַ־אַ־אַ!

— ער האָט אָבער ניט געװאוסט, װער ס׳האָט דעם געשרײַ געטהון: ער — בײַנוש, צי גאָר יענער אײנגעהױקערטער און הױכער, װאָס האָט זיך מיט בײדע הענד בײַם אױסגעפּאַטשטען פּנים געהאַלטען? ס׳האָט איהם עמיצער פון הינטען אַרומגעהאַפּט און איהם פאַר די הענד געהאַלטען. ער האָט זיך נאָך אַלץ צום אױסגעפּאַטשטען פּיװניאַק׳ן געריסען און געטראַכט אַלײן אין קורצען און פער׳עקשן׳טען געדאַנק:

— און הײַנט לאָד מיך דו צום מיראָװאַי...

---

גוטע פרײַנד זענען צו איהם אין אַ פּאָר טעג אַרום געקומען און געזאָגט:

— ביינוש ! פאָהרט אָב פונ'ם וואָקזאַל.

ער האָט אין זייערע פּנים'ער געקוקט און געטראַכט וועגען פּיווניאַק'ס 25 יאָהריגען בחור, וואָס איז ניט לאַנג פון זעלנער־דיענסט געקומען. אַ געזונדטער, אַ הויכער אַ אַנגעטהונער אין אַ קורץ לייבעל מיט לאַנגע שטיוועל, דרעהט ער זיך איצט ביים וואָקזאַל אַרום און קוקט אַרוים אויף איהם, ביינוש'ן. דער בחור האָט אַ רויט גוי'עשען פּנים, שטאַרקע פּלייצעס מיט קרעפטיגע הענד. דער מוח זיינער איז קליין, צונויפגעוואַקסען און פערגרעבט. אַז מען זאָגט איהם „שלאָג!" קען ער אַ מענשען דער־הרג'ענען.

— ס'איז אַ תּירוץ? מ'מוז פאָהרען.

— ס'טהוט איהם איצט אפילו אַביסעל וועה די קאָפּ, און די הענד מיט די פיס ברעכען, נאָר ס'איז אַ תּירוץ?

אָט לעגט ער זיך איצט פריה שלאָפען און מאָרגען גאַנץ פריה מיט'ן 6 אַ זייגערדיגען...

---

האָט ער אָבער ביינאַכט, נאָך אַ לאַנגען פערוואָגעלטען דרימעל, פּלוצים דערפיהלט אַ משונה'דיגע קעלט אין אַלע אברים, אַראָבגעשטעלט אַ ציטעריגע און באָרוויסע פוס אויף דער קאַלטער פּאָדלאָגע און אַרויפגעוואָרפען אויף דער קאָלדרע זיין שווערען און וואַרעמען ראָק. אָבער דער ראָק האָט ניט געוואַרעמט און ער האָט זיך אונטער'ן שווערען צודעק מיט אַלע זיינע גליעדער געוואָרפען און געקלאַפּט מיט די צעהן. פערמאַטערנדיג די אויגען האָט ער שוואַך איינגעדרעמעלט און אין זינען געהאַט. אַז מ'דאַרפט שוין אָט באַלד פאָהרען מיט'ן 6 אַזייגערדיגען...

און ווי אַזוי איז ער דאָס פּלוצים שוין אין צוג אויסגעוואַקסען? אין שלאָף־וואַגאָן האָבען נאָך ליכט אין די לאַמטערנ'ס געברענט. באָרפיסע פיס האָבען דאָרט פון די פּאָליצעס אַרויסגעשטעקט. ער האָט זיך אין האַלב פינסטערן ווינקעל פערשטופּט, האָבען זיך אָבער דאָרט בעקאַנטע געפונען, געשמייכעלט צו איהם און נעפרעגט:

— וואוהין, וואוהין פאָהרט מען דאָס, ר' ביינוש, אַ?

ס'איז געווען אונמעגליך־שווער צו הערען די שאלה און דאך האט ער געמוזט צושמייכלען און ענטפערן:

— מען פאהרט... מען פאהרט... צום טאטען אויף פסח פאהרט מען.

— גאר אזוי?

די בעקאנטע האבען ניט פערשטאנען און ער האט נאך אלץ צוגעשמייכעלט. א מתנה פיהרט ער דאס דעם טאטען, א ביסעל נחת פון א אויסגעגעבענעם זוהן... און דער טאטע אליין... דער דרימעלדיגער, הויכער און אויסגעדארטער יורד און יחסן, וואס האט נאך אין דעם פערוואָרפענעם שטעדטיל אנ'אויסגעקרימטע האלב־איינגעפאלענע שטוב און א שטאדט אין מזרח. ער נעהמט דארט מן הסתם קצבה און מתן־בסתר פון רייכע בעלי־בתים, וואס געדענקען נאך זיין שווער'ס עשירות... און די מאמע זיינע, די איינגעהויקערטע און קלוגע אידענע, וואס קאן נאך אלץ אן די גוטע, יונגע יאהרען נישט פערגעסען, וועט זיך די וואָרעמע טרעהרען מיט'ן פארטוך ווישען, אויס־גלאצען צו איהם פון צייט צו צייט א רויטע טרעהרענדיגע רחמנות־אויג און וועט די גאנצע צייט אין זינען האבען די איינ־ציגע וועהענדע מחשבה:

— דערלעבט... רבונו של עולם...

און עדעלע יונגע־לייט מיט געוועזענע חברים, פאר וועל־כע ער האט זיך יונגעל־ווייז בערימהט, אז ער וועט א מאל א גרויסער גביר זיין... און די שוויינענדיג־טרויעריגע קרובים פון דער ערשטער ווייב...

אלעס, אלעס איז פאראן דארט, אין יענעם טייער'ן שטעדטעלע, וואוהין ער פאהרט איצט אויף פסח. טא לאזען־זשע לפחות אט די בעקאנטע צו איהם נישט שמייכלען און לאזען זיי נישט פרעגען:

— וואוהין? וואוהין פאהרט מען דאס, רבי ביינוש?

---

נאר אין זיין קליינעם חדר'ל, וואס אין איינגעהויקערטען פויער'שען שטיבל, איז שוין זעהר היים געווען. א בלאסע שיין פון א דונקעל'ן, קאלטען און זעהר וואלקענדיגען פריה־

מאָרגען האָט דאָ שטיל גערוהט. ער האָט געעפענט די אויגען און נישט פערשטאַנען:

— איז ער, הייסט דאָס, נאָך נישט געפאָהרען?

ערגעץ אין א לאָך, וואָס אויף דער אויסגעקרימטער און גוט אויסגעהייצטער הרובע האָט געגרילצט אַנ'אומרוהיגע גריל און ווילד הנאה געהאָט פון דער וואַרעמקייט. זעהר דונקעל איז אינ'ם קליינעם חדר'ל געווען, און אויך אַזוי דונקעל איז געווען דאָרט, פון יענער זייט קליינעם און פיער עקיג'ם פענסטער'ל, וואו דער אַלטער עפּפעלבוים האָט זיך אינגאַנצען געשאָקעלט און עמיצ'ן מיט זיינע נאַקעטע און טרויעריגע צווייגען געסטראַשעט.

ער האָט זיך דערמאָהנט אָן פּיוואניאַק'ס קרעפטיגען בחור, וואָס דרעהט זיך אַרום ביים וואָקזאַל, א קלער געטהון, אַז ער ווערט שלאָף און צוריק פערמאַכט די אויגען. די הענד מיט די פיס זאָבען וועה געטהון, דער קאָפּ איז געווען שווער און הייס, און דרימלען האָט זיך שטאַרק געוואָלט.

האָט אָבער דער רוח געסט פונ'ם וואָקזאַל אָנגעטראָגען. גוטהערציגע סוחרים, הייסט דאָס, האָבען זיך פאָרט דערבאַרמט און געקומען איהם טרייסטען:

— וויים איך וואָס? ס'איז א קליינער אומגליק.

דער עיקר. הייסט דאָס, איז נישט דער פּאַטש, וואָס ער האָט פּיוואניאַק'ן געגעבען, נאָר דאָס, וואָס אַברהמ'ציק שמעלצט זיך, וואָס סוחרים מיט קאָמיסיאָנער'ן קוועלען און מאַכען לצנות. דאָרט ביי אַברהמ'ציק'ן, זיצען זיי און פרעגען:

— ער האָט דאָך שוין באַלד קיין פרוטה נית?

וואָס איז דאָ שייך? ווער ווייסט נית, אַז א צווייטער אויף זיין אָרט וואָלט ביים וואָקזאַל צופריעדען געלעבט און זיין געלד וואָלט ער נית אָנגעוואָרען און פּיוואניאַק וואָלט קיין העזה נית געהאָט?...

ער האָט א ציטער געטהון מיט אַלע הייסע גליעדער און זיך אויפגעחאַפּט.

אין זיין קליינעם דונקעל'ן חדר איז געווען שטיל און פּוסט, און נאָר ביים בעט איז געשטאַנען א געזונדטער און קרעפטיגער יונגער־מאַן און געהאַלטען זעהר א קאַלטע האַנד אויף

זײַן בריהענדיגען שטערן. מיט שווערע און שלאָפענדיגע אויגען האָט ער צום יונגען־מאַן ארויפגעקוקט און געזעהן: זעהר אַ בעקענטער, פרישער און פאַרביגער פּנים מיט אויך אַזאַ בעקאַנטען, פרישען און רוהיגען שמייכעל.

— אַזוי, גאָר אַזוי? — האָט דעם יונגען־מאַנ׳ס פרישער שמייכעל געפרעגט און ער האָט זיך שוין דערמאַהנט, אַז אַזוי שמייכעלט נאָר איציק ברוך און געענטפערט אין געדאַנק:

— אַזוי, געוויס אַזוי...

נעבען איציק׳ן איז געשטאַנען די דאַרינקע אָבגעשאָרענע מעדעל און געקוקט אויף איהם מיט דערשראָקענע אויגען.

— אפשר זײַן ווײַב אַרויסרופען? — האָט זי איציק׳ן שטיל געפרעגט.

און איציק האָט גאָרנישט געענטפערט און נאָך אַלץ געשמייכעלט. בײַנוש האָט פּאַמעליך פערמאַכט די אויגען און וויעדער אײַנגעדרימעלט.

---

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווען אין הדר האָט שוין אַ לאָמפּ געברענט.

דער וואָקזאַל־דאָקטאָר האָט מיט קעלט געאָטהעמט אויף זײַן הײַסען פּנים און איהם אײַלענדיג אַרומגעטאַפּט מיט שטעבענדיג־קאַלטע פינגער.

— אַ לונג־אָנצינדונג אָדער אַ טיפוס, ווער ווייסט איהם? האָט דער דאָקטאָר אָבגעזיפצט.

און פאַר די לעצטע ווערטער האָבען זיך נישט דערשראָקען נישט ער, נישט איציק און נישט די דאַרינקע אָבגעשאָרענע מעדיל. נאָר בײַ וואָלאָדיען האָבען זיך אויף אַ רגע צושפּרייט די געל־וואַסערדיגע אויגען און באַלד וויעדער אָנגעפאַנגען צו שמייכלען.

## IX.

אין דרויסען איז שוין וויעדער וואַרעם געוועזן.

אַרום־טאַנצענדיג אויף די קרומע צווײַגען פונ׳ם מיט זונען־

שטראַהלען בעגאָסענעם עפּפּעלבוים, האָבּען זיך די פויגעלאַך משמח נעווען מיט דעם נײַעם פריהלינג. פאַר גרויס נחת האָבּען זײ געפּישטשעט, געשפּרונגען און זיך געהוידעט אויף יעדעם דינעם און פײַכטעם צווײַגעלע.

דורכ'ן אָפענעם פענסטער האָט זיך געזעהן ווי דער בעל־הבית — דער פויער — שפּאַנט דאָרט אַרום אין סעדעל אָהן אַ היטעל, בעטראַכט יעדעם יונגעם בוימעלע, טהוט דאָס אַ שאָקעל און פּרובּט צי ס'האָבּען דעם נישט געשאַדט די ווינטערדיגע פרעסט. זײַנע גרויסע צווײ הינד, האָריגע, אויסגעפּאַשעטע און זאַטע, זעגען איהם פאַמעליך נאָכגעגאַנגען טריט בײַ טריט, געחאַפּט דרך־אגב אַ הונדטעשען שפּיל, זיך געיאָגט, געראַנגעלט, געבּיסען אַלץ אויף צו כלומר'שט. אויפ'ן עק גאָרטען האָבּען זײ אַ פרעמדען חזיר בעמערקט און זיך געלאָזט צו איהם בײדע מיט אַמאָל, לויפענדיג געשווינד איבּער די שוואַרצע שטיקער פון דער פײַכטער גאָרטען־ערד. דערזעהענדיג די הינד נאָך פון ווײַטען, האָט דער חזיר פון שרעק פערגעסען דאָס אָרט, וואו דער הילצערנער פּלויט איז נידעריג און זיך געלאָזט לויפען אין אַנ'אַנדער זײַט. באַלד אָבּער האָט ער דערפיהלט, אַז די הינד האָבּען איהם געפּאַקט פאַר זײַנע לאַנגע אויער'ן, און אויפגעהויבּען אַנ'אומגעלומפּערטען חזיר'שען געפּילדער.

און דאָ האָט דער פויער גערעדט צו זיך אַלײן. דערזעהן, אַז בײנוש שטעהט בײַם אָפענעם פענסטער'ל און זיך פאַר איהם פערשעמט.

בײנוש האָט זיך פאַמעליך אָנגעטהון און דאָס ערשטע מאָל נאָך דעם שלאַפקײט אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען.

אַזוי וואַרעם און שען איז שוין געוועזען. און די הימלען זענען שוין געוועזען פערחלום'ט און בלוי, און אַ זון אַ פערחלום'טע האָט זיך שוין אין זײ געלויכטען און געמאַכט קינדערשע חנ'דעלעך, גלײַך ווי עמעץ וואָלט צו איהר שמײכלען און צמאָקען מיט די ליפּען.

ער איז געשטאַנען די הענד אין די קעשענעס און געקוקט.

אַ שמאָלע און אויסגעטרעטענע סטעטשקעלע האָט זיך גע-

דרעהט צווישען צוויי זייטען האלב־פערטריקענטע שטיקער־בלאָ־טע און פערפאלען געוואָרען ערגעץ אין גראָבען, וואָס בײַם וואָקזאל.

— צום וואָקזאל געהן? — האָט ער געקלערט.

ער האָט זיך געגעבען אַ טאַפּ פאר זײַנע מאָגערע באַקען און בעטראַכט זײַנע אָבגעשוואַכטע דארע הענד; ארויסגענומען פּאַמעליך דעם טאַש און איהם מיט צונויפגעדריקט־ציטעריגע פינגער נאָך אַמאָל איבערגעלעגט.

— אַ תּכלית, — האָט ער אָפּגעזיפּצט — אַ שענער תּכלית.

ער איז געגאַנגען פּאַמעליך, ווי אַ קליין קינד, וואָס האָט זיך נישט לאַנג געהן אויסגעלערנט, און געקוקט אַראָב, וואו זײַנע טריט האָבען געמאַכט סימנים אויף דער ווייכער ערד. אַרום איז געווען רוהיג און שטיל. מיט אַ רוהיג שטילקייט האָט זיך צוגאָסען די שײַן פון דער זון און ליעבליך געוואַרעמט די קליינע צוואָרפענע שטיבלעך.

אונטער די ווייכע זונען־שטראַהלען האָבען די שטיבלעך געהאַפּט אַ בײַטאָגעדיגען דרימעל און דרימלענדיג זיך צוגעהערט צו יענע קלעפּ פונ׳ם שמיעד, וועלכע האָבען ערגעץ ווײַט דער־צעהלט דער שטילקײַט אַלץ איין לאַנגזאַמע און טרויעריגע מעשה:

— אַ מעשה מיט אַ דערשלאָגענעם.

— אַ מעשה מיט אַ אומגליקליכען.

— אַ מעשה מיט אַ טרויעריגען, וועלכער האָט דורך שוויים און שווערקײַט זײַן פּרנסה בעקומען.

נעבען וואָקזאַל האָט איהם אָנגעיאָגט אַברהמ׳ציק קויפמאַן, איהם אַ קניפּ געטהון הינטען אַרום און מיט גרוים אײַלעניש אַרײַנגעשריגען אין זײַן אויער:

— בײַנוש, אָפּשר אַ גמילות־חסד׳ל, אַ?

און בשעת בײַנוש׳ס דארע באַקען האָבען זיך פּאַמעליך פערקנײַטשט מיט אַ שלאָפען שמײכעל, איז שוין אַברהמ׳ציק געשווינד געלאָפען מיט אַנ׳איבערגעשראָקענעם קאָמיש־אָנער און האַלב ערנסט, האַלב מיט לצנות צו איהם געטענה׳ט:

— נו, בהמה, האָסט דו אָהן מיר נישט געקאָנט מודיע זיין דעם נאַטשאַלניק?

און ביינוש האָט נאָך אַלץ געשמייכעלט און געהאַלטען צו איהם אויסגעשטרעקט זיין שוואַכע און דאַרע האַנד.

באַלד זענען געגען איהם פּנ'ם וואָקזאַל אָנגעקומען צוויי בעקאַנטע קאָמיסיאָנערן.

זיי האָבען זיך נעבען איהם נישט אָבגעשטעלט, אפילו נישט בעגריסט, נאָר געוואָרפען אַ שוויינענדיגען בליק אויף זיין בלאַס און אויסגעדאַרט פּנים און אונטער זיינע פּלייצעס שוין געשטועסט וועגען איהם אויף'ן סוחר'ישען לשון:

— נו, וואָס זאָגסט דו?

— וואָס זאָל איך זאָגען?

— דורך טהיר און דורך טויער'ן, אַ?

— וואָס פרעגסט דו?

און ער איז געגאַנגען ווייטער מיט קליינע און שוואַכע טריט. דער שלאַפער שמייכעל האָט זיך פון זיין דאַרען פּנים פאַמעליך אַראָבגערוקט און זיך פערביטען אויף אַ ביטערע מינע פון קליינקייט און געפאַלענקייט. עפּעס האָט ער נישט פערשטאַנען און אַליין נישט געוואוסט וואָס ער פערשטעהט נישט. אַלעס איז אַרום געווען פּשוט און געוועהנליך, אַלעס האָט ווי געוועהנליך גערוהט מיט אַ שטילען עטוואָס פערחלום'טען געזיכט און זיך שטיל געהילט אין דער ליכטיגקייט פון דער גרויסער מערב־זון.

ס'איז שוין געווען נאָך דעם אָבגעהן פון די בייטאָגעדיגע צוגען.

אויפ'ן לעדיגען וואָקזאַל־פּלאַץ האָבען דאָ און דאָרט אַרומגעטאַנצט פויגעלאַך. זיי זענען געשפּרונגען פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען און צייטענווייז געפּיקט ביי זיך אונטער די פליגעלעך.

פיער יונגע סוחרים זענען דאָ געזעסען אויף אַ באַנק, זיך געוואַרעמט געגען דער אָבגעהענדער רויטליכער מערב־זון און האָבען געשמועסט פון מסחר, פון סוחרים און פון שענע יונגע ווייבלעך.

אָט האָט איינער פון זיי איהם בעמערקט, אַ שמייכעל

געטהון צו די איבעריגע און באלד אראבגעלאזט די אויגען. און אלע האבען שוין געקוקט אויף איהם און איהם בעטראכט מיט א שטום־סוחרישען שמייכעל.

ער האט אראבגעלאזט די קאפ, געמאכט עטליכע טריט און שטעהן געבליעבען פאר דעם מיטעלסטען גרויסען און פיערעקיגען פענסטער פון דעם צווייטען קלאס. מיט קארטען אין די הענד זענען דארט ארום א טיש געזעסען עטליכע פרעמדע סוחרים, פיוניאק, שלמה'קע פערל און דער קאמיסיאנער מיט'ן געזונדטען פנים און גרויסע פערדרעהטע וואנצען. א רוהיגקייט איז געלעגען אויף זייערע פנים'ער, א רוהיגקייט פון מענשען, וואס האבען זיך נישט לאנג אויסגעשלאפען, געטהון א געשמאק'ן געגעץ, טראכטענדיג: עט, וועלען מיר אפשר חאפען א קערטיל.

נאר אט האט פיוניאק א ווינק געטהון צום פענסטער. אלע האבען זיך אומגעקוקט און איהם בעטראכט מיט א שמייכעל. ער האט זיך אוועקגעדרעהט פונ'ם פענסטער און איז געגאנגען צוריק אהיים, געשפאנט צוריק מיט די זעלבע פאמעליכע און שוואכע טריט, מיט וועלכע ער איז ניט לאנג צום וואקזאל געקומען.

---

ער איז געלעגען אין בעט און געטראכט, אז ער האט איצט פערקריינקט די לעצטע געלד, אז ביי אברהמ'ציק'ן איז שוין אפען דער באלקאן, אויף וועלכען מען טרינקט איצט לאנגזאם טהעע און מען ווארעמט זיך געגען דער רויטער פערגעהענדער זון.

ס'איז אריינגעקומען וואלאדיע מיט זיינע גאלדענע קנעפ און וואסערדיגע אויגען. ער איז לאנג געזעסען נעבען איהם, לאנג געשמייכעלט מיט זיינע וואסערדיגע אויגען און לאנג דערצעהלט, אז איציק לערנט שוין ווידער ערגעץ אין די גרויסע שטעדט, אז די קליינע אבגעשארענע מעדיל וויל שוין אויך אין יענע שטעדט פאהרען, אז אברהמ'ציק'ס ווייבעל איז א שענע און חנ'עוודיגע, און דערפאר האט חשק צו איהר ער, דער קלייענדיגער מיט די געלע־וואסערדיגע און תמיד שמייכעלדיגע אויגען.

אין עפּעס וואָס האָט זיך וואָלאָדיע פּלוצים דערמאָנט אויפגעשפּרונגען מיט אַ פאַרביג־קוועלענדיגען פּנים און אָנגעהויבען געשווינד און פיעל מאָל דערמאַהנען דעם נאָמען פון אַברהם'ציק'ס שענע ווייבעל און אויך דעם נאָמען פון יענעם הויכען און געזונדטען קאָמיסיאָנער, וועלכער האָט געהאַט פערדרעהטע וואָנצען מיט אַ נאַרישען און שענעם פּנים.

— אָט אַ מזיק! — חאָט זיך וואָלאָדיע אויפן קאָמיסיאָנער געוואונדערט — ער האָט געלעגט דעם קאָפּ, איהר פערשטעהט?

אַזוי? — האָט ביינוש געפרעגט.

און דענסטמאָל ווען ער האָט נעקלערט, אַז יענער, וועלכער האָט זיין קאָפּ געלעגט און זיין ציעל דערגרייכט, דרעהט זיך איצט רוהיג אַרום אויפ'ן וואָקזאַל־פּלאַץ און געהנעצט פון צייט צו צייט מיט אַ שטאָ־צע און זיכערע מיינונג ווענען זיך, — האָט איהם שוין וואָלאָדיע געקיצעלט אונטערן אָרעם, געוואונקען צו איהם מיט אַ צוגעמאַכט אויג און געפרעגט:

— נו, און איהר ביינוש'ל, אַ? טצצצ!... טצצצ!...

ער האָט זיך פּלוצים דערמאַהנט, אַז איהר — דער זעלבער — האָט ער פיעל מאָל דערצעהלט ווענען זיך, ווענען זיין מאוס'ע און שלאַפע ווייב און געפיהלט אַ טעמפּען וועהטאָג פון חרטה און בושה.

---

ס'איז שוין אין חדר געווען האַלב דונקעל, שטיל און רוהיג. דורך דעם אָפענעם פענסטער האָט פון דער הימעלבלויער הויכקייט אַריינגעקוקט אַ ריינע, ווי נאָר וואָס אויסגעבאָדענע, לבנה און אויסגעזעהן, ווי זי האַלט אין מיטען אַ חקר'ניש־טרויעריגען געדאַנק. מיט דרך־אָרץ און כבוד האָבען צו איהר אַרויפגעקוקט די פערשטיינערטע שפּיצען פון די אָבגעגילדטע נאָהנטע און ווייטע בוימער און אַלץ געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען די לבנה וועט זיי דעם סוד פון טרויער און עביגע מרה־שחורה מגלה זיין. נאָר די לבנה איז אַלץ געווען פערטיעפט אין הימעל־זאַכען, געשטאַנען אויף איין אָרט און געקלערט.

ערגעץ נישט ווייט זענען אַ גאַנצע מחנה הינד מיט אַ מאָל אָנגעפאַלען אויף אַ דורכ'געהער. די הינד האָבען זיך אַרום איהם געטראָגען מיט רציחה, מיט כעס און מיט ווילדע גוואַלדען, גלייך ווי עֶר וואָלט געוועזען דער איינציגער גזלן, אויף וועלכען זיי וואַרטען שוין דאָ פון יאָהרען, פון יאָהרען.

ס'האָט זיך געהערט ווי דער דורכגעהענדער שרייט און טרייבט זיי פון זיך אַוועק, ווי איינער אַ הונד האָט פון איהם געחאַפּט אַ געשמאַק'ן קלאַפּ און איז מיט אַ טרויער־קלאָג אוועקגעלאָפען אין אַ זייט.

ס'איז ווידער געוואָרען שטיל און רוהיג.

אין דער טיפעניש פון אַ פינסטער'ן ווינקעל האָט זיך נאָך אַלץ געוועבט וואָלאָדיע'ס פּנים; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווינקט דאָרט מיט אַ צוגעמאַכט אויג, לאַכט פון צווישען צונויפגעדריקטע צעהן און פרעגט:

— נו, און איהר, ביינוש'ל, אַ? טצצצ!... טצצצ!..

אין דרויסען האָט עמעץ ווי אַ קרעל נעטהון די וואַנד, געמאַכט עטליכע שטילע טריט צום פענסטער און באַלד אַריינגערוקט אינוועניג אַנ'איבערגעדעקטען מיט אַ שוואַרצען שאַל קאָפּ. ער האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעהויבען און דערזעהן אַברהמ'ציק'ס ווייבער. אין איין רגע האָבען זיך אין זיין קאָפּ צוזאַמען געקליבען פיעל אָבגעריסענע געדאַנקען וועגען איהר מיט'ן קאָמיסיאָנער און מיט אַ מאָל פערטומעלט דעם מוח. עפּעס האָט זי געפרעגט מיט איהר געוועהנליכען דינעם און אַנגענעהמען קול, נאָר ער איז געוועזען צוטומעלט און ניט געהערט.

— וואַרט, — האָט ער זוכענדיג עפּעס געשווינד מיט די הענד אויפ'ן טיש געמורמעלט — אָט וועל איך דעם לאָמפּ אָנצינדען

אָבער ער האָט אויפ'ן טיש גאָרניט געפונען און דעם לאָמפּ ניט אָנגעצונדען. אין דער דונקעלהייט, וואָס אין חדר, האָט ווידער גערוהט אַ שטילקייט, זיך געטולעט צו די ווענד און זיך אַלע מאָל דורכ'געשניטען מיט איהר טרויעריגען עטוואָס אַראָבגעלאָזטען קול:

— אַזוי שֶׁען איז שוין די נאַכט, אַזוי וואַרעם און שטיל... שטיל...

ווען עפּעס־וואָס האָט זי דערציילט לאַנגזאַם און שטיל; וועגן אַ מענשענס אַנטלאָפענעם לעבען, וועגן איהר'ן אנ'איי־געגעם האַלב־דונקעל'ן חלום, וועלכער האָט זי לאַנג געגאַרט און איז צום סוף נישט מקויים געוואָרען.

אַרום האָט אַלעס געשוויגען און זיך איינגעהערט מיט בענקשאַפט און געפיהל. די פערחלומטע לבנה האָט זיך אין דרויסען נאָהנטער צוגערוקט, אַרייַנגעוואָרפען איבער איהר אַראָבגעלאָזטען קאָפּ אַ געלע און בלאַסע שייַן און האַלב פער־קלערט געהערט וואָס דאָס ווייַבער אינ'ם שאַל דערציילט:

— ... ווייט־ווייט ליגט דאָס אונזער שטעדטעל. אויפ'ן שפּוּע פון אַ באַרג ליגט דאָס... אַ גרויסע לבנה שייַנט שוין דאָרט איצטער געוויס, און די זשאַבעס שטעקען שוין דאָרט די קעפּלאַך פונ'ם טייַך־בלאָט אַרויס און קוואַקען אויף דער לבנה קוקענדיג... און דאָס וואַסער קלאַפּט שוין דאָרט מיט געריוש און דרעהט די מיל־ראַד וואָס אין טהאָל... און אינגעלאַך שפּיעלען זיך שוין דאָרט מיט'ן פרישען שטויב... וואַרפען דעם שטויב אין דער הויך און שרייַען, וואַרפען און שרייַען...

זי האָט זיך פּלוצים פונאַנדערגעלאַכט אויפ'ן קול און שטיל געבליבען. מיט אַמאָל איז אַרום געוואָרען שטאַרק רוהיג און נודנע. פון אַ ווינקעל האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסרוקען עמעצענס אַ לאַנגער שאָטען און באַלד נעלם געוואָרען. נאָכדעם האָט זיך געהערט, ווי ניט ווייט אין סעדיל יאָגט זיך אַ הונד נאָך אַ צו־רייַצטער קאַץ, ווי די קאַץ אַנטלויפט און דראַפּעט זיך געשווינד אַרויף אויף איינעם אַ נאָהנטען בוים.

— עחחח! — האָט עמעץ נאָהנט אַ טיעפען זיפץ גע־טהון.

ביינוש האָט זיך ווי פון אַ שלאָף אויפגעחאַפּט, עפּעס וואָס מפקיר געוועזען און אויף דעם אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד!

— עט!...

נאָר זי האָט שוין דערציילט פון זייַנעם אַ קראַנקען

אינטערעס. וועגען זיין שלאַפקייט האָט זי דערצעהלט, וועגען דער ווייב וועלכע איז צו איהם דענסטמאָל פונ'ם שטעדטעל געקומען:

— אָבגעוועזען צוויי טאָג און אַליין קראַנק געוואָרען... געגאַנגען ערגעץ, געפאַלען און אין חלשות געבליבען.

---

זיי זענען שוין ביידע געגאַנגען אויף דער שמאָלער און מיט לבנה־שיין בעגאָסענער סטעזשקע, וואָס האָט געפיהרט צום וואָקזאַל, געגאַנגען פּאַמעליך טריט ביי טריט און ביידע געקוקט אַראָב.

ס'האָבען געגלאַנצט פייכטע גרינע דעכער. ס'האָט ערגעץ מאָדנע געגרילצט אַ פערבלאָנזשעטע נאַכט־פויגעל און רויט־גרינע לאַמטערנס, וואָס אויף דער דריטער ווערסט, האָבען פון ווייטען אָבגעגעבען אַ גרוס פון מענשען, וועלכע שלאָפען נישט ביי־נאַכט.

— איהר פערשטעהט? — האָט זי זיך מיט אַ זיפץ געקלאָגט — אַלעס האָט מיך ליעגען געזאָגט און איך בין אַ נאַר געוועזען און געגלויבט; האָב איך נאָכדעם אַליין ליעגען געזאָגט האָט מען מיר אויך געגלויבט... דאַרפט איהר דאָך וויסען: אַליין בין איך אויך מאוס אַריינגעפאַלען: ליעב געהאַט איינעם און חתונה געהאַט פאַר אַ צווייטען. נאָר וואָס איז דאָ שייך?... אויפ'ן וואָקזאַל שמועסען דאָך שוין פון מיר ווייבער...

ענטגעגען איז פלוצים אָנגעקומען אַ גרויס־שטעדטיגער סוחר, וואָס איז נישט לאַנג צום וואָקזאַל אַראָבגעקומען. זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט. דער סוחר האָט פּאַמעליך די ברילען פונ'ם נאָז אַראָבגענומען, זיי אויסגעווישט לאַנגווייליג, געלאַכט און דערצעהלט, אַז ער געהט איצט собственно говоря צו זיי צו איהר און צו אַברהמ'ציק'ן: הייסט דאָס, אַז ס'איצט ביים וואָקזאַל אומעטיג און ס'ווילט זיך אין קאָרטען שפּיעלען. נאָכדעם האָט ער די ברילען צוריק אָנגעטהון, אַרומגעקוקט ביינוש'ן פון קאָפּ ביז די פיס, זיך ווי איבערצייגט אַז ער איז קיין מענש ניט און געזאָגט צו איהר:

— קומט.

און זי האט זיך שוין מיין אויף איהם נישט ארומגעקוקט און ערגעץ איועקגעגאנגען מיט'ן גרויס־שטעדטיגען סוחר.

ווען זיי זענען פון די אויגען נעלם געווארען האט ער גלאט אזוי א זיפץ געטהון און פאמעליך איועקגעשפאנט צו זיך אהיים. וואלאדיע איז איהם פלוצים ענטגעגען געקומען, שווער געאטהעמט און אין איילעניש געפרעגט:

— ז'איז געוועזן דא, נעבען אייער פענסטער?

און אז ער האט געענטפערט יא, האט וואלאדיע שוין ווידער צו איהם מיט א צוגעמאכט אויג געוואונקען, געקיצעלט און געפרעגט:

— נו, און איהר ביינוש'ל, א? טצצצ!.. טצצצ!..

X.

גאנצע טעג האט ער אין זיין קליינעם חדר'ל ארומגעשפאנט און געשוויגען. אלעס אלעס איז שוין אונטער די פלייצעס געבליעבען; ס'איז שוין אפילו איבעריג געווען וועגען דעם צו קלערען. האט ער נאר געקלערט וועגען דעם, וואס מענשען איז גוט און איהם איז שלעכט. צום וואקזאל איז ער נישט געגאנגען, נישט דערפאר וואס ער האט זיך פאר עמעצען געשעמט, נאר דערפאר וואס ער האט די סוחרים נישט פערגונען:

— זיי, וואס מאכען געשעפטען, קויפען און פערקויפען, קוקען דאך אויף זיין אויסגעדארטען פנים און האבען הנאה פון דעם, וואס אויף איהם איז א רחמנות.

אין איין אבענד, ווען ער איז אנ'אומבעמערקטער ביים וואקזאל געשטאנען, האט ער געהערט ווי סוחרים רעדען וועגען איהם:

— ווער, ביינוש? ער רעדט שוין צו זיך אליין.

עמעץ א סוחר האט געוואלט זיך פונאנדער לאכען, נאר א צווייטער האט איהם געשטערט און זיך געשווארען:

— מענש איינער, אנ'אויסגעטראכטע מעשה דערצעהל איך דאס דיר?

מען האט דארט גערדונגען, אז ער איז שוין אפשר ניט ביים גאנצען שכל. און פיוניאק האט נאך דערצעהלט וועגען

דעם משפט מיט'ן פאטש, וואס וועט אין גיכען זיין און זיך בעריהמט:

— אַט וועט איהר זעהן... ניין איילען אין דר'ערד וועל איך איהם בעגראָבען. ער האָט זיך אוועקגעדרעהט און בישט געוואָלט וועגען פּיוניאַק'ן טראַכטען.

---

און דער משפט איז נעווען

פונקט אום ערב שבועות איז ער אויסגעפאַלען און מיט געבראַכט די סוחרים אַ פרעהליכען גערודער.

דאָרט, אין עק „קאַזאַניע" דאָרף, וואו דעם „מיראָוואָי סודיאַ'ס" ווייסע און נאָר וואָס אָבגעקאַלכטע שטיבעל האָט זיך איינגאַנציען אין'ם געדיכט־פערוואַקסענעם גאָרטען בעהאַלטען, האָט שוין שטאַרק מיט גריננס און מיט ערב שבועות געשמעקט. די בליהענדע בוימער האָבען, ווי פרישע כלות, אויף דער גרינער ערד געקוקט און זי פערדעקט פון דער שפּאָגעל נייער זון, וואָס האָט אונטער זיי ליכטיגע פאַרמלאָזע פלעקען געוואָרפען. ס'איז געווען עלף דער זייגער פריה. בייגנוש איז אָן אַ זייט אַ פער־באַהאַלטענער געשטאַנען און געזעהן ווי אַלע מאָל פאָהרט צו אַ נייע פוהר מיט נייע סוחרים־עדות. ער האָט אויף זיי נישט געוואָלט קוקען און זיך פערטראַכט.

אברהמ'ציק האָט איהם דאָ געפונען, אריין־געוואָרפען אין איילעניש אַ פּאָר ווערטער, וועלכע ער האָט נישט פער־שטאַנען און באַלד נעלם געוואָרען. און דאָרט נישט ווייט האָ־בען זיך די סוחרים, ווי אויף אַ ערב־יום־טוב'דיגען ברית מורז געווען און געפרעגט איינער בּיים צווייטען:

— נו, וועט מען דאָס אַ ביסעל גיכער מאַכען?.. ס'איז דאָך עפּעס ערב יום־טוב.

דאָרט, ביי זיי אין דער היים, זענען שוין די טהירען אָפען געווען און די פיש האָט מען שוין אויפ'ן פיש־ברעטעל געהאַקט און קינדערלאַך האָבען שוין גרינע מגן־דוד'ס אין די אויפגערוימטע חדרים צוהאָנגען.

אָבער דער „מיראָוואָי סודיאַ" — אַ בייזער אָבגעדינטער גענעראַל — האָט זיך ניט געהיילט, זיך לאַנג דערפרעגט ביי

יעדען עדות און יעדען עדות מוסר געזאָגט. דער משפט האָט זיך ביז פאַרנאַכט פערצויגען.

די עדות האָבען ווי מורא געהאַט אז דער ביזער אָבגע־דינטער גענעראַל וועט זיי אַלע פּונ'ם וואָקזאַל פערטרייבען. זיי האָבען דערפאַר פערפּלאָנטעטע דבורים געשאָטען, געענטפערט ניט אויף דעם, וויָס מען האָט זיי געפרעגט און דאָס רוב זיך אָבגעזאָגט פון עדות זאָגען:

— מיר ווייסען ניט... מיר האָבען אַליין נישט גע־זעהן... מיר האָבען געהערט.

דער „מיראָוואַי" האָט זיך געביזערט אויף זיי און אויף פּיוואַניאַק'ן, געשריען, אז ער וועט זיי אַלעמען אין תפיסה איינזע־צען, און דאָך האָט ער צום סוף 2 וואָכען תפיסה צוגעפּסק'ענט ביינוש'ן — דעם אויסגעדאַרטען מרה־שחורה'ניק, וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרק בלאַסען פּנים מיט פערטריקענטע ליפּען.

די סוחרים און מעקלערס זענען שוין צופריעדען געווען פון דעם, וואָס דער משפט האָט זיך שוין סוף סוף געענדיגט, זיך אין איילעניש אויפגעזעצט אויף די בעל־עגלה'שע בריטשקעס און מיט פערשפּעטיגטע פּנים'ער צוגעברומט:

— נו, נו...

און די בעלי־עגלות האָבען די פערד צופיעל געשמיע־סען און זיך געשוואָרען:

— פערשפּעטיגט די באַר, ווי איך בין אַ איד. וויאָ־אָ־אָ!

ס'האָט זיך געזעצט די זון.

ביינוש איז שוין נעבען דעם מיראָוואַי'ס שטיבעל איינער אַליין געשטאַנען און די נעגעל געביסען. נישט אין שטעדטיל, נישט צום וואָקזאַל האָט זיך געגלוסט פאָהרען. אָט דאָ, ביים אָבגעקאַלעכטען שטיבעל, וואָלט ער אפשר געשטאַנען לאַנג־לאַנג, געטראַכט און געביסען די נעגעל.

— עט, וועט ער בעסער שוין פון דאַנען געהן די צוויי וואָכען אָבזיצען.

און שפּעטער מיט אַ האַלבע שעה איז ער שוין מיט צוויי צוגעשטעלטע פּויער'ן אויף דעם וועג, וואָס צום שטעדטל גע־גאַנגען. אַ ריינער בלויער הימעל האָט זיך פון אויבען געצויגען, גרי־נע פעלדער זענען פון ביידע זייטען וועג, ווי אונגעווע־נליך

גרויסע פליגער, געלעגען און אינ'ם בין־השמשות'דיגען אויר האָט געשמעקט מיט אָבגעשניטענע גראָז. איינער פון די צוויי פויער'ן האָט זיך די נאָז נישט שוין אויסגעשנייצט און אַ זאָג געטהון:

— נו, גיכער דאָרט, מאַך פּיס... ס'איז שוין נאַכט.

און ער האָט ניט געהערט און פערטראַכטערהייט געקוקט אַהין, וואו אַ פערשפּעטיגטער פויער איז נאָך מיט פערד און וואָגען אויף זיין פעלד געשטאַנען. זיינע ליפּען האָבען זיך געשאָקעלט און שטיל געשעפּטשעט:

— פינף הונדערט...

---

ער איז געזעסען אין אַ פערשלאָסענעם פירעקיגען שטיבעל, וואָס נעבען פריסטאַוו'ס הויז, געזעסען אַ אָבגעשוואַכטער און מרה־שחורה־דיגער, ווי אַנ'אָבל, און געטראַכט וועגען יזעפ יאַגעשפאָלסקין: „געווען אַ יונגער מאַן צו לייטען, אַ שטיק אינטעליגענט, געהאַט היבשע עטליכע טויזענדטער, אַ שעהן ווייב מיט אויך אַ זעלבע שעהנינקע 2 מעדלאַך און געלעבט ווי אַ גראַף. האָבען זיך אָבער די געשעפטען פערדרעהט ביי איהם... און מענשען האָבען אויפגעהערט צו שמייכלען איהם אין פּנים. און צוליעב וואָס זאָלען זיי טאַקי צו איהם שמייכלען? זיי האָבען קיין קבצן קיינמאָל ניט געזעהן?

„פאָהרט יזעפ איינמאָל אָב אין אַ גרויסע שטאָדט, פערפאָהרט אין דער שעהנסטער אַכסניה, לעגט זיך שלאָפען... און גאַנץ פריה עפענט מען די טהיר פון זיין חדר אויף און מען זעהט: יזעפ העגנט אויף אַ שטריקעל. האָט דאָך יזעפ אַ שעהנע ווייב מיט שעהנע צוויי קינדער געהאַט. זיי האָבען נאָך איהם געקלאָגט. אָבער ער—ביינוש, ווער וועט נאָך איהם קלאָגען?.. סיי ווי סיי זאָגט מען שוין דאָך, אַז ער איז אַביסעל צומישט.

„אָבער דער עיקר איז נישט דאָס, דער עיקר איז צי יזעפ'ס דעה איז די ריכטיגע געווען, ער קען דאָס ניט אַרומקלערען, דען דער קאָפּ... דער קאָפּ איז ביי איהם צושלאָגען און דער מוח צוגעפּרעסט און דאָס הארץ, דאָס הארץ איז טרויעריג און פיהלט אַז אַברהמ'ציק'ן איז דאָרט גוט און פרעהליך".

דאָרט פון יענער זייט פיערעקיגען פענסטערל זענען יום־טוב'דיגע שטאָדט־מעדלאַך אַלע פאַרנאַכט פאָרויס דער שטאָדט געגאַנגען זיי האָבען געהאַט פרישע פנים'ער, וואָס האָבען געשמייכעלט און ביי איהם זענען די אויגען רויט און הייס געווען און די ליפען פערטריקענט און בלאַס.

ער האָט געדאַרט פון טאָג צו טאָג, צייטען־ווייז געפרובט אַ הוסט טהון און זיך געטאַפּט פאַר דער אויסגעדאַרטער ברוסט. ער איז דאָך אַלע מאָל אַזוי טייער געווען, און איצט... וואָלט ער, למשל, פלוצים קראַנק געוואָרען, וואָלט ער, למשל, די סאָחאָטקע בעקומען...

---

אין איין אַ פאַרנאַכט, ווען מ'האָט איהם פון דער קוטיגער, פיערעקיגער קאַמערל אַרויסגעלאָזט און איהם געזאָגט, אַז ער מעג שוין געהן וואוהין ער וויל, איז שוין ביי איהם אַ פאַרטיגער פלאַן אין קאָפּ געווען. ער האָט צוגעוואַרט ביז אין דרויסען איז שוין אין גאַנצען דונקעל געוואָרען און געדונגען אַ פוהר צום וואָקזאַל.

אָבער דער מוח זיינער איז שוין זעהר מיעד פון טראַכטען געווען און זיך אָבגעזאָגט פון צו דינען. בשעת דער וואָגען, אין וועלכען ער איז אַיינגעהויקערט און שטיל געזעסען, האָט זיך אין'ם ערשטען מאָל, וואָס אַרויס דער שטאָדט, אַראָבגעלאָזט האָט ער שוין דעם פלאַן געהאַט האַלב פערגעסען, זיך געוואָלט אין איהם דערמאַהנען און נישט געקאָנט. עפּעס האָט זיך איהם אין קאָפּ געבאָמבעלט:

— ער דאַרף צום וואָקזאַל קומען... ער דאַרף זיינע חפצים, וואָס זענען אין פויערשען שטיבעל געבליבען, צונויפנעהמען... ער דאַרף ערגעץ אַוועק פאָהרען. נאָר וואוהין, צוליעב וואָס פאָהרען — דאָס האָט ער נישט געוואוסט און געקוקט, ווי די לבנה בעווייזט זיך אויפ'ן גרינעם באַרג, וואָס ענטגעגען.

דאָ, אויף דעם באַרג, איז שוין דער שמאָלער און לעדיגער וועג מיט אַ געל־כשוף ליכט בעלויכט געווען, זיך געשלייינגעלט אין ביידע זייטען, זיך אַראָבגעלאָזט, אויפגעהויבען און פערפאַ־

לען געווארען אינ'ם ווייטען עק פונ'ם האריזאנט, וואו איבער דעם דונקעל'ן בארג מיט'ן וואקזאל איז געהאנגען א גאנצע געל-זילבערנע לבנה. דער פויער האט די פערדלאך צופיעל געשמיסען, האבען זיי מיט די ווײדלען די סימנים פון דער בייטש אבגעווישט און געשווינד געשלעפט דעם וואגען מיט זיין שאטען, וואס אויף דער ערד, און מיט דעם קליינעם וואלקען פון פערגילטען עטוואס פייכטען שטויב ס'האט געדרימעלט די דונקעלע געל-דונקעלע וועלט. די קאפ האט זיך פאמעליך אויף דער ברוסט אראבגעלאזט און פערגעסען אינ'ם פיין פונ'ם לעבען.

האט ער אבער שוין ניט ווייט פונ'ם וואקזאל דאס קלאפען פון א פויק מיט'ן ברומען פון א טרובע דערהערט, זיך ווי פון א חלום אויפגעכאפט און זיך דערשראקען. דאס פויקען מיט'ן שפיעלען האבען זיך געטראגען ערגעץ פון יענער זייט, וואו ס'איז געווען דער רעזערוואואר, זיך צוגאסען אין אלע זייטען און אבגעשטארבען אין דער טיעף פון דער נאכט. ער האט זיך איינגעקוקט אין אברהמ'ציק'ס שטיבעל, וואס איז צופיעל בעלויכטען געווען און זיך דערמאהנט: א חתונה האט דאך ביי אברהמ'ציק'ס שוועסטער בעדארפט זיין...

און פלוצים האט ער דערפיהלט, אז ער ווערט בלאס. דאס הארץ האט מאדנע שנעל געקלאפט און אין צוגעפרעסטען מוח האט זיך ארומגעדרעהט א שרעקליכע סברה:

— ער מוז דאך ביי אברהמ'ציק'ס שטיבעל דורכפאהרען. ס'איז מעגליך, אז ס'זענען איצט דארט אויך זיין שוויגער מיט'ן ווייב פערהאן... פיזוניאק מיט זיין חברה וועלען איהם דארט דערזעהן, דעם וואגען מיט איהם ארומרינגלען און שרייען: אורא! אורא!

כדי מען זאל איהם דארט נישט בעמערקען, האט ער דעם פויער מיט דער פוהר אבגעלאזט, זיך גענומען לינק'ס און, איבערשניידענדיג די רעלסען, פאמעליך אוועקגעשפאנט צום קליינעם גארטען, וואס ביים וואקזאל. דארט האט ער זיך אויף א באנק, וואס אין שאטען, צוגעזעצט און דעם קאפ ווידער, ווי א דרימעלדיגער, אויף דער ברוסט אראבגעלאזט.

ס'איז געווען שטיל, און די געל-בעלויכטענע שפיצען פון

די גלייכע טאפּאָלעס האָבען זיך נישט געשאָקעלט, און קיין ריהר האָט זיך אויף קיין בלעטיל געטהון. נאָר דאָרט אין אַ ווינקעל, וואָס פון יענער זייט לאַנגע בוימער־שאָטען'ס, האָט דאָס מעדיל, וואָס האָט אויפ'ן וואָקזאַל ביכער פערקויפט, געלאַכט מיט איהר מפורסם'דיגען געלעכטער און הנאה געהאַט פון דער מעשה, וואָס דער הויכער וואָקזאַל־גימנאַזיסט האָט איהר ערצעהלט.

ס'האָט געקלונגען דער וואָקזאַל־גלאָק.

ווען צום האַלב־עלף־אַ־זייגערדיגען איז סך־הכל 10 מינוט געבליבען, האָבען זיך אין גאָרניין פאָרליך־ווייס די מחותנים בעוויזען. זיי האָבען פאַמעליך אַרומגעשפּאַנט אויף דער לאַנגער, מיט זאַמד בעשיטעטער, סטעטשקע און געשימערירט מיט שנעע־ווייסע זיידענע קליידער. גאָר נאָהנט, נעבען איהם, איז דורכ־געגאַנגען אַברהם'ציק'ס ווייבעל און זיך געקלאָגט פאַר אַ הויכער בעיאַהר'טער אידענע:

— אַ מאַן איז ער, הייסט דאָס, קיין שלעכטער... ער טהוט וואָס איך הייס. קומט אָבער די נאַכט, חראָפּעט ער פונ'ם שלאָף, חראָפּעט און סליונעט...

און בייגוש האָט זיך פּלוצים אָן שלמה'קע פעריל דער־מאַהנט:

— שטייטש, ער האָט דאָך שוין אַ פּרוטה נישט פערמאָגט?!..

ער איז פאַמעליך צוגעגאַנגען צום בעלויכטען וואָקזאַל־פּלאַץ און זיך אָן אַ זייט אָפּגעשטעלט.

אַ אָנגעטהונ'ער אין אַ שוואַרצען סורדיוט, שוואַרצע הויזען און ווייסען האַלזטוך איז אַברהם'ציק מיט איינעם פון די מחותנים געשטאַנען און איהם עפּעס ערצעהלט.

ער איז פאַמעליך צוגעגאַנגען, איהם אין אַ זייט אָבגערופען און שטיל געזאָגט:

— ביים לאָזאָווקער איז נישט קיין שלעכט ביסעל באַביק פאַראַן. אָפשר וועלען מיר מאָרגען צו איהם אַ פאָהר טהון?

און דערפאַר, וואָס אַברהם'ציק האָט אויף איהם אָהן אַ שום וואונדער געקוקט און רוהיג געשמועסט וועגען דעם לאָזאָווקער באַביק האָט ער—בייגוש—שוין מוטה געפיהלט און אַברהם'ציק'ן חשק אונטערגעגעבען:

— אַברהמ'ציק דאַרף דאָך וויסען: בײַם לאָזאָוואָקער איז ער בײַנוש אַ שטיקעל חשוב.

אַברהמ'ציק האָט זיך אונטערן אויער אַ קראַץ געטהון און אַ סוחר'ישען שׂכל אויפגעטהון:

— ער — בײַנוש'ל — פערשטעהט דאָך, מ'מוז פּיוװניאַק'ן פאַר איין מעקלער נעהמען, דען אַז נישט וועט ער דאָך געוויס קאַליע־מאַכען.

---

און אויף דעם צווייטען טאָג זענען בײַנוש, אַברהמ'ציק און פּיוװניאַק אויף איין בעל־עגלה'שע ברימשקע קיין לאָזאָוואָקע געפאָהרען.

צום אָנהויב האָבען זיי אַלע געשוויגען. געהערט ווי די ברימשקע וויעגט זיך, אַ באַרג אַרויף קריעכענדיג און ווי שלמה ליפּ צמאָקעט צו די פערד. נאָכדעם האָט זיך פּיוװניאַק פּלוצים ווי פון אַ דרימעל אויפגעכאַפּט און גלאַט אַזוי אַ זאָג געטהון:

— אוי, האָסט דו אַ ווײַבעל, אַברהמ'ציק!

דענסטמאָל האָט זיך אויף אַברהמ'ציק'ס דיקען און לויטער'ן פּנים אַ נחת'דיגער שמייכעל באַוויזען. ער האָט זיך טיעפער אין ברימשקע אַרײַנגעזעצט און אויף בײַנוש'ן אָנגעוויזען:

— אָט לאָז שוין ער זאָגען, אַ, בײַנוש'ל?

— אַ ווײַב, — האָט פּיוװניאַק געזאָגט — קען מען ניט, ביז וואַנען...

דאָ האָט זיך ביי איהם שוין גאָר אַ כּאוס וואָרט אַרויס־געכאַפּט. בײַנוש האָט דעם ווייטערדיגען שבועס ניט געוואָלט הערען און זיך פערטראַכט וועגען אָנשרײַבען אַ בריעף צום ווײַב:

— „לזוגתי היקרה מרת פרומקע שתחי'. אַזוי ווי איך קלער קומען אויף שבת אַ היים, בעט איך דיך"...

און אויף יענעם ווײַטען באַרג, וואָס איז אונטער די פליצעס געבליבען, האָט געדרימעלט דער רויטער וואָקזאַל און מיט פערגליווערטע, תמיד האַלב־אָפענע אויגען אַרײַנגעקוקט אין דער טיעפער אומבעקענטער ווײַטקייט.

# ווילנער פערלאג פון ב. א. קלעצקין

## ס'זענען ארויס פון דרוק און פערקויפען זיך:

**שלום אש.—מעשה'לעך פון חומש.** באנד I (בראשית) אילוסטרירט

פרייז: בראשית 75 ק', עלעגאנט געבונדען 1 רוב.

**שלום אש.—מערי.** ראמאן פונ'ם לעבען פון דער יודישער יוגענד.

פרייז: בראשירט 1,25 ר., עלעגאנט געבונדען 1,55 ר.

**דוד איינהארן.—מיינע ליעדער.** אָריגינעלע הילע מיט טיטעל-בילד.

פרייז: בראָשירט 50 ק., געבונדען 75 ק.

**א. ווייטער.—דער שטומער.** א דראמע אין פיער אקטען.

פרייז: בראָשירט 40 קאפ.

**בעל-מחשבות.—געקליבענע שריפטען.** באנד III.

פרייז: בראשירט 1 ר', געבונדען 1,30 ק.

**ר. קיפלינג.—דאס בוך פון דזשאנגל.** איבערז. פון ל. שאפירא.

אלכסנדרינ. פאפיר. פארביגער טיטעל-בילד, אילוסטרירט.

פרייז 2 רובל. דאס זעלבע אין 8 איינצעלנע ערצעהלונגען (קליינע אויסגאבע) צו 30—20 ק. יעדעם העפט.

**די איבעריגע ביכער פון דער ערשטער סעריע פערענדיגען זיך אין דרוקען און וועלען אין די נאָהענטסטע וואָכען ערשיינען.**

### פראספעקטען אומזיסט.

פאר איינצעלקויפער, וואס ווענדען זיך דירעקט אין פערלאג.

—— פאָרטאָ פריי. ——

אדרעס:

Книгоиздательство Б. А. КЛЕЦКИНА, Вильна.